געביכטיג׳ס פלאקסס לידער, אויך האט ער געזונגען, די לידער „לאז וויסן דיין ברודער ביים דניעסטער״ פון י. א. ליסקי, אויך האט ער שטארק אויסגענומען מיט דעם ליד, „דער יידישער טשייני מאן״, און „איך חלום פון מיין מאמע״, פון רוט באכנער, און „חנהלע פון נהריה״ פון דוד בערמאן, וועלכע האבן ארויסגערופן גרויסע אוואציעס.

א גרויסער עולם איז געווען ביים קאנצערט. עס איז וויכטיק, אז אזעלכע קאנצערטן זאלן אין לאנדאן אפטמאל פארקומען.

אהרן צייטלין

## דאס פענצטער

דער שטיין ביים וועג, אט דער אלטער תם —
זיין יחוס וויס איך, איך קען זיין שטאם:
פלאם זיין ברודער, זיין טאטע — דער ים.

אט דער איינזאמער בוים, דער פארשטארטער רוף,
דער פארגליווערטער פלי — ער איז א פרווו
צו פארוואנדלען גאטס ווארט אין א גרינעם גוף.

און איך, ווען איך שטיי און טו קוקן אויף זיי —
בין ס׳פענצטער, דורך וואנען גאט קוקט אויף די צוויי.
איך בין נאך גרעסער, געהיימער ווי זיי.

**צו די שלושים** פונם בארימטן פאעט און שרייבער אהרן צייטלין, וואס איז נפטר געווארן ראש־השנה אין ניו־יארק און געקומען צו קבורה אין ישראל איז אין יידישן וועלט קאנגרעס־הויז אנגעהאלטן געווארן אן הזכרה, וווּ יוסף לעפטוויטש האט דעם נפטר מספיד געווען „כהלכתו״, מיט א טיפער טרויעריקייט.



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

10־7 424־29 35׳סטער יארגאנג יוני־אקט. 1974 לאנדאן

אינהאלט

ימים נוראים הייאר ..... *** 3
אן אתרוג פון גן־עדן (א חסידיש מעשהלע לכבוד סכות
..... יוסף שמעון ווינשטיין 21
פארלאשענע ליכט ..... יאסל חריף 24
דער וועג צו זיך, אין וואלד, איך זוך נאך אלץ (לידער) עלא זילבערג 26
ציילן פינף און פיפציק יאר, א געבורט־טאג ווונטש, ביים ים (לידער)
..... אייזיק גאלדבערג 28
זינג־פייגל אויף מיין קאשטאן בוים (ליד) ..... דוד בערמאן 31
דער שורש, (המשך) א חזיון אויף וויטשעפל גאס א.א. לידער
..... א. נ. שטענצל 32
אויפגעלעבט אן אלטן מנהג ..... נעט רובין 39
די צעריסענע שיך (דערציילונג) ..... נאטאליע גינסבורג 41
א בריוו צו סיביר (ליד) ..... א. פושקין 43
א ליד צו א מיידל (ליד) ..... סלאוואצקי 44
מיין מאמע אין סיביר ..... אסתר ערליכמאן 45
געשעענישן, עפיזאדן פון יידישן טעאטער־לעבן אין ניו־יארק
..... סעם גאלדבערג 46
פארן ארון קודש (קאלאזשעס) ..... יעטא מאנגער 47
יידישע אויגן (ליד) ..... זלמן שזר 48
לאנדאנער קולטור ידיעות

יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס יעדן שבת 3 אזייגער אין ברעדי קלוב העמברי סטר. א.1.

רעדאקטירט א. נ. שטענצל
פרייז 15 פענס
אבאנאמענט־פרייז :—50.1£ פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

*Published and edited by A. N. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

10־7 424־29 35׳סטער יארגאנג יוני־אקט. 1974 לאנדאן

## מאמע יידיש

אין גלות אריין געטריבן,
וויינענדיק דעמלט געבליבן שטיין;
אינמיטן וועג, אין בית־לחם,
ביים איינזאמען קבר־רחל־שטיין.

ארויסגעקומען די מאמע,
געהערט האט אונזער ביטער געוויין:
„קינדערלעך מיינע, אומעטום
צוזאמען מיט אייך דארט איך וועל זיין״.

מ׳וואלט דען אויסגעהאלטן, ווען נישט
מאמע רחל מיט איר שכינה־שיין;
אין די ערגסטע פינסטערנישן,
ווי מוטערלעך געלויכטן איר חן.

שווערסטע מאטערנישט פארגעסן,
פארזיסט אונזער ביטערסטע געוויין;
אצינד, ווען מיר גייען צוריק
אין אונזער הייליקן לאנד אריין — —

אז מיר זאלן אינמיטן וועג,
חלילה, חלילה, נישט אפשטיין,
שטייט אצינדערט מאמע יידיש
מיט צעריסן הארץ איינע אליין;

„דערבארעמדיקער, געהעכטער,
דיינע דרכים ווער קאן דען פארשטיין?
נישט בחינם אינמיטן וועג דא
מיט צעריסן הארץ געלאזט מיך שטיין.



## לאנדאנער קולטור ידיעות

דר׳ חנה שמערוק, פראפעסאר פון ירושלימער אוניווערזיטעט האט געהאלטן א לעקציע ביי דער יידישער לעבעדיקער צייטונג איינגעארדנט פון יידישן וועלט קאנגרעס און שרייבער־פעראיין: חיים נחמן ביאליק אין דער יידישער ליטעראטור. רעציטור ביאליקס לידער האבן: ח. נ. בענקוויטש און אייזיק גאלדבערג׳ פארזיץ יוסף פרענקעל.

דער יידישער שרייבער יאסל חריף פון ישראל, וואס איז געווען צוגאסט דא אין לאנדאן האט גערעדט ביי די יידיש־ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס איבערן יידישן לעבן אין ישראל און געלייענט פון זיינע סקיצן.

יוסף לעפטוויטש אין באגלייטונג פון זיין פרוי איז געפארן אויף א באזוך קיין ניו־יארק.

יוסף וויינשטיין געפינט זיך אויף א לענגערע נסיעה אין ישראל׳

יואל צאנג איז נישט געזונט מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה.

דער באקאנטער זינגער און אקטיאר סעם גאלדבערג איז צוריקגעקומען פון זיין טור אין אמעריקע און איצט גרייט ער דא צו א גרויסן אוונט מיט געזאנג און הומאר.

די לאנדאנער יידישע טעאטער־גרופע האבן אנגעהויבן זייערע וועלטליכע טעאטער אויפפירונגען און זיי גייען אן מיט גרויס דערפאלג.

די זינגערין ביי די יידיש ליטעראַרישע נאכמיטאג רות באכנער איז געפארן אויף א רייזע קיין ישראל.

דער באקאנטער שרייבער אברהם שולמאן וועלכער האט זיך געפונען אויף א באזוך אין לאנדאן האט געהאלטן א רעפעראט ביי יידיש-ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס איבער יידישן לעבן איצט אין אמעריקע, דעם גאסט האט באגריסט י. א. ליסקי פון שולמאנס הומארעסקעס האט רעציטירט אייזיק גאלדבערג.

גוסטע געפמאן געפינט זיך אויף א לענגערן באזוך אין ישראל.

אויפן הזכרה־אוונט ביי די יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס, נאך דעם גוט־באקאנטן שרייבער אברהם משה פוקס, וואס איז נפטר געווארן אין ישראל האט י. א. ליסקי, דער ברודער פונם נפטר דערציילט זכרונות פון זיין ברודער.

ביי די לעבעדיקע צייטונג פון יידישן וועלט קאנגרעס און יידישע שר״בער האט ש. גאלדשמיד גערעדט איבערן שאפן פון א. מ. פוקס. י. א ליסקי האט דערציילט פון לעבן פון ז״ן גרויסן ברודער.

פארגאנגענעם חודש איז געשטעלט געווארן די מצבה אויפן קבר פונם באקאנטן מאלער אלוואא.

אויף דער לאנדאנער טעלעוויזיע האט מען געוויזן א״ניקע סצעניזירט דערציילונגען פון גוט־באקאנטן יידישן שרייבער באסשעוויס.

דער קול־רינה אונטער דער לייטונג פון דער באקאנטער זינגערין חנה מעצגער, פיאנא־באגלייטונג לילי נאראד, איז אויפגעטרעטן ביי דער יידישער לעבעדיקע צייטונג מיט גרויס דערפארלג.

די מאלערין חיה פרידמאן האט אן אויסשטעלונג אין דער „ווייטשעפלער לייבערי״ צווישן אירע מאלעריי געפינען זיך א סך ישראל בילדער.

אויף אן אויסשטעלונג אין דער ווייטשעפעל ארט-גאלערי האט די מאלערין יעטא מאנגער געהאט בילדער מיט יידישע מאטיוון.

י. ח. קלינגער וועלכער איז צוריקגעקומען פון א לענגערע נסיעה אין ישראל האט לעצטנס געהאלטן צוויי רעפעראטן איבער די לאגע איצט און די שטימונגען אין מדינת ישראל.

אין די שבתים צווישן ראש השנה, יום כפור און סוכות איז ביי די שבת נאכמיטאגס ארומגערעדט געווארן איבער די מנהגים און פאלקלאר פון די וואכן. מיט לייענען, רעציטירן, יום־טובדיקע דערציילונגען פון פרץ, שלום עליכם, שלום אש א.א. האבן זיך באטייליקט נעט רובין, אייזיק גאלדבערג, אסתר ערליכמאן, געזינגען ימים־נוראים־ און פאלקסלידער האבן סעם גאלדבערג, רות באכנער.

דער גוט־באקאנטער אקטיאר קאסווינער פון ישראל איז געווען צוגאסט אין לאנדאן און אויפגענומען געווארן מיט גרויס חבר־ישקייט פון די לאנדאנער אקטיארן־קאלעגן.

אברהם ערליכמאן האט גערעדט ביי די שבת נאכמיטאגס צום 100׳סטן געבוירן יאר פונ סבארימטן ארבעטער דיכטער, באוופשאווער.

ביים רעפעראט פון דר. י. מייטליס איבער יידישן פאלקלאר, איינגעארדנט פון יידישן וועלט קאנגרעס און שרייבער־פעראיין, האט זיך באטייליקט יוסף לעפטוויטש. דעם פארזיץ האט געפירט יוסף פרענקעל.

רחום וחנון מיט גנאד פול,
אז מיין הארץ צעריסן איז אויף צוויי'ן,
קאן דאך האלבס בלייבן מיט זיי דא,
און דאס צווייטע נאך ישראל מיטגיין" —

שטייט זי, די טויב, ביך־הבתרים
און ווי נחס מיט בלאט צווישן ציין,
אז קיינמאל קיינמאל, חלילה,
אירע קינדערלעך נישט אונטערגיין.

## די כותל

א

— פארוואס מיר פאלן צו מיט די ליפן
און גלעטן זי מיט ציטערדיקע הענט ?
— האט מען דען נישט יידישע קינדער
איינגעמויערט אין די מצרים־ווענט ?

„אזנים לכותל" — אויערן צו דער וואנט !
שטייט דאך בפירוש געשריבן אזוי;
נו, פאלן מיר צו צו איר ווייענדיק
און שרייען אויס אונזער ביטערסטן „אוי !"

אזויפיל שטיינער אונז נאכגעווארפן,
וויפל מצבות אין וועג געלאזט שטיין !
זיינען זיי געבליבן, די סימנים,
צו געפינען דעם וועג אהיים צו גיין.

פון אזעלכע שטיינער געוואלטיקע
וויפל געצן אויסטעסען מ'האט געקענט,
און אין גלות מ'וואלט אונז נישט געטריבן,
אומעטום אויף שייטערס אונז נישט געברענט.

פאלן מיר צו צו דער כותל, דאס הארץ
צום ירושלים־הימל געווענדט,
און מיר הערפילן מיט פלאמיקער פרייד
דעם אין־סופיק געאייביקטן אן־ענד.



ב

ווי בלינדע, וואס טאפן זיך ביי א וואנט,
נאך צוויי טויזנט יאר ביי דער כותל,
צוריק זיך דערטאפט אין אייגן לאנד.

אין אונזערע טעג דאס געקענט געשען,
אין ווינדער דער מענטש וועט ווידער גלייבן —
מיט אייגענע אויגן עס דאך געזען !

און וועט מען זי אונז אוועקנעמען איצט,
ווידער זיך צו שלעפן מיטן שטעקן,
אין פינסטערנישן, פון קיינע־ם באשיצט —

יא, וואונדער באווייזן ווידער וועט ער,
מכות־מצרים איבער גארער ערד,
און דער טויט־ריטער זיין וועט דער רעטער.*

אז אן ניסים עס קאן נישט זיין קיין וועלט —
צום גוטן, צי חלילה צום שלעכטן !—
אויף דעם איז דאך די כותל אויפגעשטעלט.

## ירושלים

— סאנעט —

ירושלים, אויב מ'וועט דיך צעשניידן,
וועט „דאס הארץ פון דער וועלט"* פארבלוטן;
ווידער זיין דער נצחון פון נישט־גוטן,
ווי העמלט אין ערשטן טאג אין גן־עדן,

ווען שלאנג ערשטן מענטש געטון אפריידן;
אונטער קעטווידן צעבלעטערטן שאטן,
וועט גאט נישט שטיין — נאר דער פינסטערער שטן !
ירושלים, אויב דיך איצט צעשניידן,

* שמואל א', כד.

עס וועט די חרב־המתהפכת־שווערד
בלייבן הענגען איבער קאפ פון דער ערד —
דאס הבל־בלוט נישט אויפהערן זיך גיסן.

רויט פון חרפה דאס פנים פון מענטש זיין,
און זיך קוקן אין אפענעם פנים אריין,
איין בן־אדם דעם צווייטן וועט זיך מיאוסן.

ב

ארויפגייענדיק דעם הר־ציון־בארג,
ווי האט דאס הארץ געקלאפט, ציילנדיק די טרעפ;
ערשט צו ירושלים־של־מעלה,
יא, אזויפיל אפגעהאקטע קעפ אויף קעפ.

בלויז אין אונזער דור אליין — זעקס מיליאן!
א של־מעלהדיק העכער צי קען דען זיין?
ווי ניהעריק אונזער ערד וקעט דאס ווערן,
צוויי טויזנט יאר גיין און גיין און נישט דערגיין.

„אויב נישט נאך העכער"* צי קאן מען בויען?
דער גאנצער בנין זיך געבן א צעשאט!
עס איז דאך צו אלצדינג א שיעור — צומאל
צו אפגעהאקטע יידישע קעפ — א, גאט.

ג

מ'וויל ארייננהאקן א קלין אין דיר,
דיך ווידער אויף צוויי צו צעשפאלטן;
ניין, דער בוים איז נישט אונטערגעזעגט,
דער ווארצל דעם שטאם וועט דערהאלטן.

דער עץ־החיים, דער עץ־הדעת?
און איינציקער בוים, נאר צוויי זייטן!
קע, ס'שטייט יענער מלאך ווידער גרייט
ווי אין דוד־המלך'ס צייטן.

דיך אויפגעבויט, ירושלים,
אונז אפצוראטעווען מיט חורבן?



נאך אלץ הויבט קין די שארפע שווערד
און הבל איז תמיד דער קרבן.

גיט מען זיך איבער גאנץ אין גאטס האנט,
מגיפה־מלאך צומאל דער רעטער;
מיט דעם תהילימל איבער דער וועלט,
וואס פעלקער, און וואס זייערע געטער?

ד

ווי ירושלים מיטגענומען העמלט,
אזוי אונזער שטעטל אצינד מיטגעברענגט;
אז וויפיל שוין איבערגעבליבן,
אזויפיל געשחטן, פארברענט און געהענגט.

ווילט איר ירושלים צעשניידן איצט,
מאכן א סוף פון אלצדינג אויף א מאל,
פון אונזער אמאל און אונזער אצינד,
פון ארץ־ישראל און עם־ישראל?

דעם שם פון אונזער מויל ארויסרייסן?
בלייבן א צעטרעטענער גולם, א שטיק ליים,
אן שכינתא־בגלותא, אן הארץ־צאפל,
אן הייליק שטיקל ערד, און יידישלעכער היים?

ה

דאס שטיקעלע מערב־וואנט עס דערמאנט אונז
אין בית־מקדש, אין דער געטא־מויער — — —
אזא פיצעלע טרייסט נישט צו פארגינען,
פאר אזויפיל חורבן און אזויפיל טרויער?

בלויז אז איך טראכט נאר דערפון, מיינע הענט
אין פינסטערע פויסטן זיך ביילן;
נישט אין הארץ על־חטא מיר צו קלאפן,
ווי שמשון אונטערצוברעכן פון וועלט די זיילן.

נישט „תמות נפשי עם פלישתים"!
מיט די, וואס ווילן זיך מיט דער ערד צו טיילן —

געווער צו געבן און זיך צוקוקן
ווי איינס ס'אנדערע טוט זיך צו קיילן.

ו

ווי זיי לאכן זיך דאס אין די פויסטן,
קאלטבלוטיק, רציחיש אזוי קיל;
זיי קומען זיך פאר ווי די צעזארן,
צוקוקנדיק צו א גלאדיאטארן־שפיל.

ווען ס'געבן זיך זיידנדיק די הענט,
רציחישע כיטרע און מיאוסער בלאף,
ציטערן זייערע הערצער צעגליטער אטאם:
איך אדער דו, איינער פון אונז — א סוף!

האבן זיי נישט קאלטבלוטיק זיך צוגעקוקט
דעמלט, ווען מ'האט אונז געקוילעט, געשענדט?
ווי ס'ציטערן מיינע פויסטן: ווילן זיי איצט
איינגאנצן שוין פון אונז מאכן אן ענד?

ז

וואס בלייבט פון זיי די אן א „ייד" — ושד, חלילה,
און פון ירושלים אן נאך א „ייד"—
יערושאלעם! ווען אבער עס איז מלא —
א בגלופין־טאנץ, נישט צו ווערן מיד:

עס טאנצט חנה מיט אירע זיבן קינדער,
און מאמע אציינד וואס פארלוירן א זון;
די זעלנער צעבראכענע זייערע ביקסן,
עפעס ריכטיקערס זיי נעמען זיך צו טון —

כל־המינים כלי־זין ווערן — כלי־זן
גאטס נאמען מלא, ירושלים — גאנץ!
„וההרים סביב לה" — אלע שטעט,
בגלופין אין אייביקן שלום־טאנץ.

ח

אברהם באצאלט פיר הונדערט שקלים
פאר דער מערת־המכפלה האט;



חוד — פופציק פאר הר־המוריה,
געזען דארט שטיין דעם מלאך פון גאט.

דער שווערער גאנג פונם מערה־מענטש
ביגל צום בארג מוריה ארויף —
דער אומענדלעך־מיענדיקער וועג
פון די „יושבי חושך" אין אין־סוף.

אריינוואַרפן אין „מאיר־בעל־נס"
לעצטן גראשן די מאמען געזען;
און זע אומעטום א גאטס וואונדער רק
וואס נישט געווען און וואס נישט געשען . . .

פאר אונזער גאנג „אויב נישט נאך העכער"
באצאלט מיט קדושים זעקס מיליאן;
נישט ווי „יושבי חושך וצלמות"
קומען מיר איצט אהיים צוריק אן.

## וואס איז שוין גרויס דער אונטערשיד?

„מה לי הכא, מה לי התם",
וואס שוין גרויס דער אונטערשיד?
עס איז נאר אנדערש געשלייערט,
אבער ס'איז דאס זעלבע ליד.

אייביקער שעיר־לעזאזל,
תמיד בלייבן ס'וועט דער ייד.

אז וואס שוין גרויס דער חילוק
אציינד אדער אמאל?
ס'איז מענטש דאך אלץ דער זעלבער
יחיד צי קאקעלע קהל.

מה לי הכא, מה לי התם,
גלות צי ארץ־ישראל?

איידער דעמלט נאך ווען גאט
געגרונטפעסטיקט האט די וועלט,
דער גאלער אמת שוין
פאר גאט זיך געשטעלט:

„באשאף נישט דעם מענטש,
גנבֿ, גזלן און געלט!“

„צומאל ווען דאס טאקע וואר איז,
דער גאנצער אמת וואסער ווערט?
רכילות, לשון הרע!
דווקא א שטיקל שקר מ׳הערט — —“

ס׳האט גאט דעם זאץ נישט געענדיקט,
באשאפן דעם מענטש אויף דער ערד.

אמת, „מה לי הכא, מה לי
התם“ — קיין גרויסער אונטערשיד,
אומעטום ווילט זיך רק זיין
ככל הגוים דעם ייד.

און איז דען וואר: פון געווער
וועלן ווערן אקערס אויסגעשמידט?

אז תמיד א טרוים וואס געחלומט,
אין חשכות פון פינסטערער נאכט;
אבער אויסגעטוכניעט זיך,
און פון שלאף אויפגעוואכט —

שטייט דער טייוול אונטערן רוקן,
און ס׳לעבן בלוטיק אויסגעלאכט.

אויב נישט מיטן אמת, איז כאטש
מיטן שקר שוין מאכן די וועלט!
ס׳איז דער זעלבער „מה יפית“—
דער צדיק אין פעלץ פארשטעלט.

דא — טאנצט ער א בער פאר געלט,
דארט — מארשירט ער א העלד.

„מה לי הכא מה לי התם“?
יא דאך גרויס דער אונטערשיד,
אהיים צו האבן ווען מען פילט,
אונטער די פיס די ערד בריט.



ככל הגוים צו קענען זיין,
און דאך, און דאך צו בלייבן א ייד.

## ד ע ר   פ ת ר ו ן

ווילאנג דויערט דער פתרון — א רגע כמימרא,
א חלום אבער דור־דורותדיק, אייביק;
הונדערטער פאנטאזיעס, טויזנט און איין טייטש,
פון ישעיהן איבערן חוזה ביז לייוויק.

און וואס אויסגעצויגענער דער טרוים ציט זיך,
אלץ וואונדערלעכער זיינע געשטאלטן — —
וויפיל כחות אבער מ׳מוז דאס האבן
ביז מקוים עס ווערט — אויסצוהאלטן.

ווי האט דער בארדיטשעווער אויסגעשריגן:
„גאט, אויב איצט נישט דו ועסט אונז אויסלייזן,
וועסטו, חלילה־וחס, נישט קיין יידן מער,
גוים אויסלייזן וועסט גאר באווייזן.“

אויב דאס געוואלט אדרבא, אודאי גוט:
זאלן דאך אלע פעלקער שוין אויסגעלייזט ווערן!
ברידערלעכקייט, שלום איבער דער גאנצער וועלט
און שנאה און מלחמה אויף אייביק אויפהערן.

## די ערשטע סליחות-נאכט אין קאצק

— פאר הרב שלמה שטענצל שליט״א אין בני־ברק —

סליחות ביינאכט אין קאצקער בית־מדרש,
טויזנט פלאמען־צונגען — א פייער ברענט!
ביים עמוד שטייט ער, דער קאצקער אליין,
פויסט געביילט, הענט צום הימל געווענדט:

„לך ה׳ הצדקה ולנו“. . .
און ווייטער קיין אייןווארט ער קאן נישט מער — —
מעג ער אנידערפאלן דערשטיקט דא —
אין זיין קעל אריין טריפט טרער נאך טרער.

ביים עמוד ר׳האלט זיך צו נישט צו פאלן,
אבער ווילאנג קאן מען אזוי שטיין?
די כותלי־בית־מדרש אויפציטערן
פון געוואלטיק־איינגעהאלטן געוויין:

„ביסטו דער גערעכטער ג־ט אין הימל?
אבער קוק דאך אראפ דא אויף דער ערד!
צי האסטו נישט דעם מענטש באשאפן?
מיר זיך שעמען? טאמער דווקא פארקערט?

פלוצלינג גאנץ ציבור צאפלט אויף, איין הארץ,
מען הערט פון עמוד יעטווידן טיאך:
„ולך ה׳ הצדקה“ און מיט פרייד
ווי פלינק זיך אויסגעדרייט: „ולנו — גוט וואך!“—

איין דבקות־טאנץ, א צעציטערטער,
דער גאנצער עולם ארום מעלעמער — —
דער רבי פאראויס, דער עולם נאך אים,
נאך א פאסטוך טוליענדיקע לעמער.

## „די נפילה“

אלע סיגופים, אלע צירופים געמאכט,
די גימטריא אויף דער האנט ממש גרייט,
און דער רימענעווער און דער קאלעווער,
ביידע צדיקים שטייען ביי זיין זייט.

דער ערשטער מיט זיין אהבת־ישראל,
דער צווייטער מיט זיין שכינהדיק געזאנג —
זיי צעגייען אין טייכן פון טרערן:
„עד אנה, גאטניו, ווילאנג נאך, ווילאנג?“

אמת, דער קאזשעניצער און דער פשיסכער:
„ווייס איך וואס?“ — אוועקגעמאכט מיט די הענט . . .
ער אבער דער חוזה, מיט זיינע צוויי,
נישט צו רירן פון ארט — דריי אייזערנע ווענט!

יענער ראש־השנה פאר תקיעת־שופר —
דער „ש די קרע שטן!“ לייבן געבריל,



שטייט נישט געשריבן: דער צדיק איז גוזר
והקדוש ברוך־הוא איז מקיים וואס ער וויל?

צו כל־נדרי, ביים זוהר „קם רבי שמעון,“
האט זיך געהויבן פון בית־מדרש דער דאך;
א טיפער תהום האט זיך געעפנט ביים געשריי:
„צי מוז ערשט קומען א פרישער שנת ת״ח?“

א, אז וואס אזוינס זינען די טעג פון כמיעל
אקייגן דעם, וואס זיין בליק דעמלט געזען —
שרעק אים געשליידערט פון ווינקל צו ווינקל:
„ייתי ולא אחמיניה!“* אויב אזוינס קאן געשען —

זיינען דאס געווען ימים־נוראים,
גאנץ לובלין אויפגעציטערט צום לפ״ק!
מען ווארט נאר אן שמחת־תורה,
דער שטן, ימח שמו, ליגט שוין אין זאק —

ווי ער רייסט זיך דאס, ווי ווילד ער צאפלט,
אלע שדים־לאפיטוטנס ער זאמלט איין;
די גרונטפעסטן פון דער ערד ציטערן,
זיין פיסק פארגיסט דעם רימענעווערס געוויין.

שמיני־עצרת, קאלעווערס „גלות“־ניגון
ביזגל צום זיבטן הימל דערגייט;
מלאכים שטעלן מויל און אויערן אויף,
דאס הארץ פון דער שכינה פון ליבשאפט צעגייט.

זיין שמחת־תורה מארש מרעיש־עולם —
די הקפה „דוד מלך משיח“ — — —
ראפטום ס׳בית־מדרש פענסטער אייפגעריסן
און דער חוזה פארטראגן פון עפעס א רוח.

מ׳לויפט ארויס, ליגט ער א צעניזוקטער,
אונטער דער כותל בית־מדרש מערב־וואנט;
קוים אים דערמונטערט, אפגעראטעוועט,
און ווי נאר ער איז צוריק ביים פארשטאנד,

---

* זאל ער קומען און איך וויל אים נישט זעען — א גמרא ערגעץ.

קען קוים קוים זיין פה־קדוש עפענען,
צעוויינט ער זיך מיט זיין געהאריש געוויין:
„אז וואס בין איך שולדיק, אז דער קאלעוועער
מיט זיין מאדיאריש גאר ער פאלט אריין".

אז שטאט מיט זיין „גלות, א גלות"־ליד
צעזינגט ער זיך גאר מיט זיין „קאקאש מאר"!
אלע זיבן הימלען הארכן צעפראלטע,
גאט אליין פארגעסט זיין גאנצן שכינה־צער —

די גאנצע פמליה של־מעלה הארכט,
אבער קיין ווארט מ׳פארשטייט — געזאנג, געזאנג!
אזא ניגון, חלילה, קאן זיך דאך ציען
ווי דער פינסטערער גלות אזוי לאנג.

* * *

דער חוזה האט נישט מוצא־שנתו געווען,
דער רימענעווער זיך פארקראכן אין זיך,
און דעם קאלעווערס ליד „גלות, א גלות"
וויינט נאך אלץ אקייגן דעם מלך־משיח.

## אזא כל-נדרי „אפיל" היי-יאר . . .

מיר האבן שוין באלד געהאט פארגעסן,
אז א יום־כפור איז פאראנען,
זיבענע יידישע קינדער אין ישראל
ווי זייערע טאטעס אויף קידוש־השם,
אויף קידוש־הארץ געגאנגען.

א, אז עס האט געמוזט קומען דערצו,
אז עס זאל אונז צוריק דערמאנען!
„אין דער היים" זאגנדיק „די עבודה"
בשעת די עשרה הרוגי־מלכות
אונטער טאטנס טלית געשטאנען —

ס׳אויפגעציטערטע בית־מדרש דעמלט,
דרויסן פון די בוימער האס וויאנען:
„מיום כפורים זה עד יום כפורים



הבא עלינו לטובה". . . א, אז
מ׳האט עס אונז ערשט געמוזט דערמאנען.

„על דעת המקום, על דעת הקהל":
דעם שווערן חטא ווידער באגאנגען,
„ישראלים", „יידן", דעם חילוק געמאכט — —
אז עס האט געמוזט קומען דערצו,
ביז מיר האבן עס ערשט איצט פארשטאנען —

אז מיר אליין ווידער זיך צעטיילן,
גלות־יסורים אויסגעשטאנען?
אויף דעם אויטאדאפעס אין שפאניען,
אין גאז־קאמערן, אין קרעמאטאריעס
זעקס מיליאן קדושים געגאנגען?

## מיינע תפילות היי-יאר

ווילאנג קאן מען איינהאלטן דאס ווארט אין זיך,
עס רייסט זיך דאס ארויס ווי מיט מעסער שארפן;
ניין, עס איז נישט קיין געזאנג אין מיר אצינד,
באגלייט מיט פידל־שפיל און מיט סטרונעס־הארפן.

וואס מיינע אויגן זעען, די שרעק־בילדער,
פארגאסן זיי ווערן מיט גליאיקע טרערן;
די ווערטער, וואס וואיען ווי ווילדע אין מיר,
בעסער זאל קיין מענטשלעך אויער זיי נישט הערן.

זיך איך אין מיר אין שאטנס א פארהילטער,
פארשאטן מיט פינסטערע ווערטער — מיט שטיינער!
באגראבן צו ווערן וואס טיפער אונטער זיי,
צעגריזשעט פון צער פון צעביסענע ציינער.

אויב מקוים ווערן — זאלן זיי אין מיר!
און זיין איך זאל פאר אלץ א גוטער אויסלייזער — —
אז וואס קאנען דען העלפן העלדן אצינד,
צי נביאים — צומאל דער ווילדסטער און בייזער?

וואלט איך געקענט ווי מיין מאמע, מיין באבע,
א תחינה מיט מיינע טרערן צעווייקן — —

ווי מיין הארץ צאפּלט, פול מיט אזויפיל גלויבן,
אבער מיין מוח א חשכותדיק געלייקן.

* * *

וואס גייט מיך אן די וועלט, וואס גייט מיך אן דער מענטש,
אז דאס ערגסטע פון אלצדינג בין איך גאר אליין — —
ס'האט דויד גאָט דערפילט אין זיינע געדערעם,
אין הארץ טיף זיך געטובלט געהייליקט ריין.

איך אבער ווייס, אז א שטן, א טייוול פאראן,
אויסגעפּילט מיט אים עס איז דאך מיין גאנצער ליב;
אז אלצדינג, וואס איך טו, מיך צו פארשטעלן רק,
צומאל מיט ערלעכסטער שורה פון מיין געשרייב —

אויב א מענטש אויף אונזער וועלט וויל און קאן לעבן,
מוז ער, פארוואר, א שטיק שטן אליין שוין זיין.

„תפילה לעני כי יעטוף״—ס'פארשטעלן זיך !
אז גאָט אין אונז דא, א סימן שוין דאס אליין.

(וואס מיינט דען גאָט ? דער גראדער גלייכער אמת !
„. . . אלוקיכם אמת״, אזוי געשריבן שטייט;
און אונזער שלאנגען-געראנגל אנאויפהער — —
דאס ווערעמדיקע דרייען זיך, ביז מ'פארגייט)

ס'מיאוסע אין אונז, אז מ'וויל עס פארדעקן כאטש,
מ'וויל זיך ווי נישט איז כאטש, דאך מאכן שיין — —
„תפילה לעני כי יעטוף״, א, גאָט,
ווער ווי דו אליין קאן אזוינס פארשטיין ?

* * *

נישט דערלעבן אזוינס, אז כ'זאל זאגן :
„האב איך נישט געווארנט, אז ס'וועט אזוי זיין !״
פעלזן-ווערטער מען מוז אין זיך האבן,
אויפשפּרודלען צו קענען מיט קוואליק געוויין.

ווער געווארנט, מוז קענען אויך טרייסטן,
אויב נישט, ר'מוז אויסגיין אין פארביטערטער פּיין;



נישט דערלעבן אזוינס, אז כ'זאל זאגן :
„האב איך נישט געווארנט, אז ס'וועט אזוי זיין ?״

* * *

צי מוז איך ערשט קומען
פאר בית-דין של-מעלה
פארמשפּט צו זיין ?
יא, פאר מיינע אויגן
ס'וועט דער פסק הארבער זיין.

ווען צו משפטן מיך
פאר אל-מיינע מעשים,
דער שופט — איך אליין,
אלע מדורי-גיהנום
נישט גענוג וועלן זיין.

דאס בידנע מענטשעלע,
וואס טוט עס דען נישט אלץ,
ס'לעבן אדורכצוגיין ?
גאָט אין זיין דערבארמונג
טוט זיך מרחם זיין.

## יזכור — ווארּיאציעס —

### א

ווי קליין עס איז שוין דער ערד-קיילעך,
פוסבאל מיט אים מ'האלט שוין אין איין שפּילן,
און יעטווידן איינעם עס דאכט זיך,
ער צום גיכן וועט זיך דאס דערצילן.

קאפּעט מען דעם כדור-הארץ — —
אט-אט איינגאנצן אים צו צעברעכן !
און געוויינער, פארלירער, בײדע
אין תהום די נשמות אויסדעכן.

צומאל נישט זיין ווער אן הזכרה,
אז עס זאל עמעץ-ווער טאן טון מאכן,
נאכן גאנצן שיינעם ערד-באלעם
מיט אלע וואוילע און גוטע זאכן.

ב

און אז אלע שוין זיין געקוילעט, געשאסן,
און די גאנצע ערד פון בלוט א רויטע
ביים לעצטן די האק פון האנט וועט ארויספאלן
און מיט פויסט אין הארץ זיך קלאפן דער חוטא.

און מיט דער זיסער מעלאדיע פון טויטן־מארש
מאכן א „קל מלא רחמים” די טויטע.

וועט אויף אים א מת, מיט א נישט־פארמאכטן אויג,
פינסטער א בליק טון: קוקט נאר אן דעם שוטה!
ער האט דאך פארגעסן צו לאזן כאטש איינעם,
וואס זאל מאכן פון אים א שיינע פויטע.

און די פארגליווערטע פלאכטע בלוט א צעלאכטע
פלאטערן פון עק וועלט ביז עק וועלט א פאן, א רויטע.

ג

. . . אז ווען דארף עס דען ארן,
אז שווערע שטימונגען איך האב,
און שרייב אלדאס ביים פנים
פארזאליקעטן הארץ מיר אראפ?

מילא, האב איך הנאה — —
וואסער תאוות אלץ נישט פאראן?
שטייט נישט געשריבן שוין ערגעץ
וואו: „אל תסתכל בקנקן”?

ס׳זאל ווער ס׳שרייבעכטס לייענען,
סאי־ווי באלד קיינער נישטא מער?
אין וואס־זשע שוין דער מער, אז
ס׳געטינטל פארמעקט פון א טרער.

ד

וואלט איך מיך געקענט באהאלטן אין ווארט,
אין זיין תהום־טיפעניש אונטערגיין גאנץ,
א צעפלאטער אויפלויכטן אין זיין גלי,
געדאנק און געפיל — שטראל־צעפונקלטער גלאנץ.



אבער ווי דאס ווארט נאר אויף מיין צונג כ׳שפיר,
א פארשעמטע זיסקייט אויף מיין ליפ כ׳דערפיל — —
אך, ווי פארחלשט כארכלט עס אין מיר,
אן מאמעשי־נחת, וואס דאס קינדער־שפיל?

## „באבעשי”

— געווידמעט אונזער סטודענטישער יוגנט פאר זייער
ווארימער באציאונג צו יידיש —

אין שטארבן שוין ליגט די קראנקע מאמע,
ארום בעט די קינדער זיך ארומקלייבן —
ווישן די אויגן, קוקן זיך ארום,
וואס אמבעסטן פאר ירושה אויסקלייבן.

ה

אייניקע קאנען זיך נישט דערווארטן,
ווען אויף דער ערד מען וועט זי אראפהייבן.

ווי זי כארכלט דאס, ווי שווער זי ווארפט זיך,
יעטוועדעס אבער נעמט עקסטערע צוקן;
גאר ראפטום רייסן זיך אויף די אויגן,
און נעמט די קינדער איינס ביי איינס באקוקן:

„קינדערלעך, א מאמע איז א מאמע,
לאנג נישט מער נעמען, נאך א ווייל, נישט מתוקן.”

דעמלט פון הינטערטיר אן אייניקל
א שטאלטנע, א שווארץ־חנעוודיקע, שלאנקע
שארט זיך צו מיט טרערן אין די בליקן —
„באבעשי,” פאלט זי ארויף אויף די קראנקע.

און די אלטע פארגייט זיס־תחיהדיק:
„מיר פאר דיינע אויגן, כשרע, בלאנקע.”

## גוטע קוויטלעך פאר די זעלנער פון ישראל - חייל

בין איך דאך אויך עפעס א שטיקל אייניקל,
איז לאמיך טייטשן א פסוק מיט א שטעקן:

„השם עוז לעמו יתן“ — אז מ׳איז שטארק
און פאר קיין שום שונאים נישט מער זיך צו שרעקן.
„השם יברך את עמו בשלום“ — — —
דעמלט ערשט שלום־האפענונג אין הארץ זיך וועקן.

יא, די פעלקער איינס דאס אנדערע מיט זייער
זידיק פארגאסן בלוט זיך נישט מער אפמעקן,
און די גוטע ברכה פון זייער מי און שווייס,
פאר אלע מענטשן צו זעטיקן וועט קלעקן — — —
אז דאס זאל אזוי זיין, אז אזוינס זאל געשען,
צי איז דאס דען נישט דער צוועק פון אלע צוועקן?

## „על נהרות בבל“

אן אפגעקלאפטע הושענא,
קיים אײן בלעטל נאך געבליבן,
פאר א סטראפע פון א לידל;
דערנאך כאטש זיך אויפגעהאנגען
אויף ווערבע — א באוול־פידל.

אז ווער ברויך דען אזעלכע,
קיין איין סטרונע נישט געבליבן,
אויסגעשפילט ביזגל צום פלאצן?
יא, דער סמיק בלייבן וועט גאנץ, אויף
שבעים לשון צו פאיאצן.

* * *

אינם פארקל, צווישן די געסלעך דא,
אן „אפגעהאונטער“ איך דריי מיך ארום;
ווי צעקנייטשטע „שמות“ ארום מיין קאפ
פון די געל־פארוועלקטע בלעטלעך דאס געשום.

א הייזעריקער חזן פון א בוים
קראקעט צו מיר אראפ הייזעריק א קרא:
קרא־קרא־קרא, זעטס נאר, קרא־קרא, ער לעבט נאך
און דרייט זיך נאך בלאנדזשענדיק אלץ ארום דא.



יוסף ווײנשטײן

# אן אתרוג פון גן־עדן

## — א חסידיש מעשהלע לכבוד סוכות —

עס איז געווען דער ערשטער טאג סוכות. ביי די מתפללים, וואס האבן געדאווענט אין קלויז ביים רבין ר׳ אלימלך פון ליזענסק, האט געהערשט א יום־טובדיקע שטימונג. אלע אויגן האבן זיך געווענדט צום רבין ר׳ אלימלך, ווען ער האט ארויפגעשפרייזט אויפן בעלעמער, זיך אוועקגעשטעלט ביים עמוד מיט זיין לולב און אתרוג און אנגעהויבן בענטשן הלל.

היינטיקן סוכות האט זיך געפילט נישט קיין געוויינלעכעס אינם באנעמען זיך פון רבין: וואס האט זיך דער רבי אפגעשטעלט אינמיטן הלל בעת ער האט געטרייסלט מיטן לולב, גלייך ווי פארמאטערט? . . פארוואס איז ער נישט ממשיך דאס דאווענען ווי תמיד?. . . לויט ווי מען האט באמערקט אויפן שטראלנדיקן אויסדרוק פון זיין פנים, האט מען געקענט זיך משער זיין, אז דער רבי שיינט צו זיין באזארגט מיט א ווירקטיקן ענין!. . .

ווי נאר מ׳האט אפגעדאווענט, איז דער רבי ר׳ אלימלך צוגעגאנגען צו זיין ברודער ר׳ זוסיא, וועלכער איז געווען אנגעקומען ביי אים צוגאסט אויף יום־טוב, און אים א זאג געטון,

— קום, ברודער! קום מיר העלפן אויסזוכן אט דעם אתרוג, וואס פארשמעקט דעם גאנצן בית־המדרש מיט א ריח־נחוח!. . .

און דער רבי ר׳ אלימלך צוזאמען מיט זיין ברודער, ר׳ זוסיא, האבן זיך געלאזט גיין פון איין מתפלל צום אנדערן ביז זיי זענען צוגעקומען צו א ווינקל פון קלויז, וו ס׳איז געזעסן א ייד פארטיפט אין זיינע מחשבות . . .

— אט־אט איז דער אתרוג! — האט דער רבי ר׳ אלימלך, מלא גדולה, אויסגעשריגן. ער האט זיך תיכף געווענדט צום ייד פון אתרוג: — ידידי ר׳ ייד — זאג מיר, איך בעט דיך, ווער ביסטו און וואו האסטו איינגעהאנדלט אזא טייערן אתרוג, אזא הדרל?. . .

אונזער ייד איז געווארן מער דערשטוינט ווי איבערראשט פון אזא אומדערראטעטער שאלה . . . און נאך פון וועמען? פון דעם הייליקן רבין ר׳ אלימלך בכבודו ובעצמו . . . און ער האט אים געענטפערט מיט אן איינגעהאלטענעם קול,

— דאס איז א לאנגע מעשה, רבי, אויב איר ווילט זי אויסהערן, וועל איך אייך בעטן מחילה זיך צו זעצן אט דא א . . .

— אוודאי, אוודאי! — האט אויסגעשריגן דער רבי. ס׳איז זיכער כדאי זי אויסצוהערן . . . — און ער און זיין ברודער, ר׳ זוסיא, האבן זיך אוועקגעזעצט לעבן דעם ייד, וועלכער האט לאנגזאם אנגעהויבן:

— מיין נאמען איז אורי, איך שטאם פון שטערליץ, נאר איך וואוין איצט יאנעוו, א שטעטל נישט ווייט פון שטערליץ, וואו איך בין מלמד און דער יאנעווער תלמוד־תורה. פון מיין קנעלן מיט חדר־יינגלעך קען איך קוים

ציען די חיונה. אבער מען לעבט, אדאנק ברוך־הוא. פון דעסטוועגן האב איך הייליק אפגעהיטן די מצווה זיך צו באזארגן מיט אן אייגענעם אתרוג אויף סוכות. און דערפאר שפאר איך אפ יעדן טאג פון מיין ביסן ביז איך קלויב צונויף דאס נויטיקע געלט צו קויפן אן אתרוג. ווי יעדעס יאר, האב איך מיך, אין די עשרת ימי תשובה, גענומען אין וועג אריין און געגאנגען צופוס ביז לבוב מיט מיינע אפגעשפארטע פופציק גילדן קויפן דעם אתרוג . . . אויפן וועג בין איך פארביי א וועלדל און זיך אפגעשטעלט אויסצורוען ביי א קרעטשמע . . . ס'איז געווען פארנאכטלעך, האב איך זיך אוועקגעשטעלט אין א ווינקל אפדאווענען מנחה און אינמיטן שמונה־עשרה דערהער איך א זיפצן און א קרעכצן. איך וואלט געשוואוירן, אז א מענטש פליט זיך נישט גוט.

כ'האב שנעל אפגעדאוונט, קוועלנדיק זיך צו וויסן וואס געשעט און דערזע אין אנדערן ווינקל פון דער קרעטשמע זיצט א מענטש, און די פופציקער, אנגעטון ווי אן ארענדאר, מיט א בייטש אין דער האנט, און דערציילט מיט זיפצן דעם בעל־הבית פונם אומגליק, וואס האט אים נאר־וואס געטראפן: ער איז אן ארעמאן, א בעל־מטופל און פארדינט קוים די חיונה, פירנדיק סחורה מיט זיין פערד־און־וואגן פון איין דארף צום אנדערן. ערשט מיט אפאר שעה צוריק איז דאס פערד זיינס אנידערגעפאלן אינמיטן פעלד דא נישט ווייט פון דער קרעטשמע, און זיך מער נישט אויפגעהויבן!

דאס קלאגן פון דעם מענטשן האט אויסגעריסן דאס הארץ. איך האב גענומען אים טרייסטן, אים געזאגט, אז ס'איז פאראן א גרויסער ג־אט אויף דער וועלט און ער וועט אים נישט פארלאזן . . .

— איך קען דיר מיט עפעס העלפן — האט דער קרעטשמער אים א זאג געטון. — כ'האב א פערד, וואס האט מיך געקאסט אכציק גילדן. איך גיב דיר אים אוועק פאר פופציק. איך טו דאס נאר ווייל כ'האב רחמנות אויף דיר. דאס פערדל איז ווערט אסך מער, בנאמנות . . .

— וואו האב איך צו באצאלן אזויפיל געלט ? — האט ארויסגעשעפט־שעט דער בעל־עגלה. — כ'פארמאג אפילו נישט קיין פופציק גראשן . . .

ווי, פארשטייט איר, האב איך מיך געפילט בעת כ'האב געטראגן מיט מיר אזא מאיאנטעק געלט ? כ'האב צו זיך אליין געזאגט: ווי קען איך מיר דערלויבן צו באהאלטן מיין געלט ווען אן אומגליק סטראשעט א גאנצער משפחה אויסצוגיין, חלילה, פאר הונגער ?. . . כ'האב מיך געווענדט צום קרעטשמער און אים א פרעג געטון, גלאט אזוי, אויב ער קען עפעס אראנ־טערלאזן פונם פארלאנגטן מקח . . . דער קרעטשמער האט דערשטוינט מיך אנגעקוקט און א זאג געטון:

— ר' ייד, אויב דו באצאלסט מיר מזומן, גיב איך אוועק דאס פערדל פאר פינף און פערציק גילדן, נישט א גראשן ווייניקער, א מציאה פון א גנב . . . כ'פארקויף דאס פערד מיט פארלוסט, ווייל כ'נויטיק מיך גראדע אין געלט.

כ'האב גלייך ארויסגענומען מיין ביטל, אפגעציילט פינף און פערציק גילדן און זיי דערלאנגט דעם קרעטשמער . . . דער בעל־עגלה האט מיך



אנגעקוקט פארוואונדערט און נישט געקאנט גלויבן זיינע אייגענע אויגן . . . ער האט פאר איבערראשונג נישט געקענט ארויסרעדן א ווארט . . .

— איר זעט — האב איך אים א זאג געטון — איר זעט ווי דער רבש"ע טוט העלפן בעת א סכנה, בשעת הדחק, אפילו ווען מען מיינט, אז ס'איז מער קיין האפנונג נישטא. ווי שטייט געשריבן אין אונזערע הייליקע ספרים: „עזרי מעם ה' עושה שמים וארץ!". . .

אין צווישן איז דער קרעטשמער אריין אין שטאל, ארויסגענומען דאס פערד און אוועק מיטן בעל־עגלה אויפזוכן דעם וואגן. איך האב תיכף גענו־מען מיין פעקל, און ווילך אורי — מיך געלאזט אין וועג אריין, ווארום כ'האב נישט געוואלט, אז דער בעל־עגלה זאל מיך נאך טרעפן און נישט וויסן וויאזוי מיר אפצודאנקען. און בעזרת השם כ'בין אנגעקומען קיין לבוב מיט מיינע איבערגעבליבענע פינף גילדן און האב פארשטייט זיך, נישט געקענט קויפן אחוץ א גאר ביליקן אתרוג. אמת, איך האב געהאט מיר פארגענומען, ווי יעדעס יאר, צו קויפן א טייערן אתרוג. כ'האב אבער פארשטאנען, אז העלפן אן ארעמאן איז בילכער ווי איינהאנדלען א קאסטבארן אתרוג . . . יא, יעדעס יאר פלעגט מיין אתרוג האבן א שם ווי דער שענסטער אין יאנעוו, און יידן פלעגן קומען צו מיר וועגן בענטשן אתרוג. היי־יאר האב איך פשוט געשעמט צו פארבלייבן אין יאנעוו מיט מיין ביליקן אתרוג . . . און דערפאר בין איך אהערגעקומען אויף סוכות קיין ליזענסק, וואו קיינער קען מיך נישט . . .

— מיין טייערער ר' אורי — האט דער רבי ר' אלימלך מיט גדולה אויסגעשריגן — דיין אתרוג איז אן אויסערגעווענלעכער, א הדרל! איצט פארשטיי פארוואס ער שמעקט מיטן ריח פון גן־עדן . . . אויב אזוי, לאם איך דיר דערציילן וואס ס'איז געשען נאך דיין אוועקגיין פון דער קרעט־שמע . . .— און דער רבי האט פארטגעזעצט,

— ווען דער בעל־עגלה האט אנגעהויבן זיך אפגעבן דין־וחשבון וואס מיט אים איז געשען און וויאזוי דו האסט געראטעוועט דאס לעבן פון זיין משפחה, איז ער צוריקגעקומען דיר אויסדריקן זיין דאנק. און ווען ער האט דיך נישט געטראפן, האט ער דאן צו זיך געזאגט אז דו האסט געמוזט זיין נישט קיין אנדערער ווי נאר אליהו הנביא וועמען דער רבש"ע האט אראפ־געשיקט בצורת אדם צו זיין א מליץ־יושר פאר אים און א גוטער שליח פאר זיין הויזגעזינט . . . און דער בעל־עגלה האט געוואלט אפדאנקען דעם בורא־עולם פאר אלע זיינע חסדים. ער האט אבער נישט געוואוסט וויאזוי אויסצודריקן זיין דאנק . . . פלוצים איז אים איינגעפאלן אגעדאנק, און ער האט אויסגעשריגן: — גרויסער ג־אט, איך בין פול מיט ליב און ליבע צו דיר. זאג מיט וואס קען איך דיר איבערצייגן מיין גרויסן דאנק פאר אלעם, וואס דו האסט מיר געטון ?. . . כ'וועל פאכן און קנאלן מיט מיין בייטש אויס גדולה און דאנקלויב פאר דיינע טובות צו מיר! — און ער האט אנגעהויבן שטארק צו פאכן און קנאלן מיט זיין בייטש, אז ער האט אזש געשפאלטן די לופט איינמאל און צוויי מאל און א דריט מאל! . . .

יום־כפור צו כל־נדרי איז דער רבש״ע געזעסן אויף זיין כסא־המשפט, איינהערנדיק זיך צו די ערשטע תפילות פון יום־הכפורים ביי יידן. און דער בארדיטשעווער רבי, ר׳ לוי יצחק, זצ״ל, וועלכער איז דער סניגור פאר יידן ביים בית־דין של־מעלה האט געהאלטן אין שטופן א שווערן לאסטוואגן, אנ־געפאקט מיט מצוות פון יידן, וועלכע ער האט באדארפט פארלייגן פאר די שערי־שמים . . . גלייך האט זיך באוויזן דער שטן־מקטרג, ימח שמו, זיך אוועקגעשטעלט אינמיטן וועג מיט א גרויסן זאק עבירות, וואס יידן זענען באגאנגען א גאנץ יאר, און פארשטעלט דעם וועג פונם הייליקן בארדיטשע־ווער רבין . . . דער ברודער מיינער, ר׳ זוסיא, און איך האבן געהאלפן שלעפן דעם וואגן, אבער אונזער טרחה איז געווען אומזיסט; מיר האבן נישט באוויזן אים צו רירן פון ארט . . .

פלוצים איז דערהערט געווארן א שטארק קנאלן פון א בייטש, וואס האט ממש געשפאלטן די לופט, און א בלישטשענדיקער שטראל האט באלויכטן די ערד ביז אין הימל אריין, וואו מיר האבן דערזען מלאכים און צדיקים זיצן צוזאמען, זינגען זמירות און געבן אפ א שבח דעם בורא־עולם; און דער־הערנדיק דאס קנאלן פונם בעל־עגלה מיט זיין בייטש אלס א דאנק צו הקב״ה, האבן זיי צוזאמען אויסגעשריגן: „גליקלעך איז דער מלך, וואס איז אזוי געלויבט!“. . . אין זעלבן אויגנבליק האבן מיר דערזען דעם מלאך מיכאל פירן א פערד, א ברענענדיקן סוס, און נאכגעגאנגען מיט אים איז דער בעל־עגלה מיט זיין בייטש אין דער האנט.

דער מלאך מיכאל האט איינגעשפאנט דאס פערד אין וואגן פון די יידישע מצוות, און דער בעל־עגלה האט מיט דער בייטש געגעבן א טרייב דאס פערד. דער וואגן האט אנגעהויבן גיין און צעטרעטן אלע יידישע עבירות, וואס האבן פארשטעלט דעם וועג . . . און די מצוות האבן דערגרייכט צום כסא־הכבוד! און דער מלך מלכי המלכים האט מיט גרויס חסד באוויליקט איבערצונעמען די מצוות, און פון כסא־המשפט זיך אוועקגעזעצט אויף דער כסא של רחמים, של סליחה ומחילה.

— געלויבט איז השי״ת! — האט אויסגערופן דער רבי אלימלך — היי־יאר זענען מיר פארזארגט מיט געזונט און פרנסה און א גליקלעך יאר!. . . און דאס אלץ, טייערער ר׳ אורי, האבן מיר דיר צו פארדאנקען!. . . און דו, אי״ה איבער הונדערט און צוואנציק יאר . . . אנו, וויז מיר נאר דיין אתרוג מיטן ריח־נחוח פון גן־עדן, און לאז מיך מאכן דערויף א ברכה!

יאסל חריף, ירושלים

## פארלאשענע ליכט

אנגעקומען זענען זיי פון דרום־אפריקע, דער טאטע און די מאמע. ער — א הויכער, עלעגאנטער מאן, א דאקטאר־מעדיצין פון ליטווישן אפשטאם



און זי אויך פון דארט, א צארטע יידישע פרוי און מוטער. אהערגעבראכט האט זיי די בשורה, וואס זיי האבן באקומען מיט א יאר צוריק, אז זיי האבן אן איי‌ניקל באקומען. און די טאכטער און דער איידעם און דאס נייע איי‌ניקל האבן זיי צוגעזאגט אסך פרייד. און ווען זיי זענען אנגעקומען פאר ראש־השנה איז די פרייד געווען נאך שטארקער ווי זיי האט זיך אויסגעדאכט, זעענדיק דעם געראטענעם מאן פון דער ליבער טאכטער, ווי הארציק ער האט זיי אויפגענומען און ווי שיין זיי לעבן דא אין קיבוץ אין די הרי־יהודה און געניסן פון אלעם גוטן און זענען ביי אלעמען שטארק באליבט. זיי האבן אפילו אנגעהויבן טראכטן פון עליה, כדי צו זיין נאנט פון די קינדער.

מיט אסך פרייד און האפענונג אויף א גוט, געבענטשט יאר איז אוועק דער ראש־השנה און ס׳האט זיך אנגערוקט דער יום־כפור, תשל״ד, ווען דאס פייער האט זיך אנגעצונדן אויף דעם דרום־און־צפון גרענעץ. און צווישן די ערשטע איז אויך זייער איידעם אוועק. די שטימונג איז געווארן א געשפאנטע און אויך די ליבע געסט האבן מיטן גאנצן קיבוצישן עולם אנגעהויבן מיט־לעבן די ערשטע מלחמה־טעג.

זיידע־באבע האבן זיך נאך שטארקער צוגעטוליעט צום איי‌ניקל. די טאכטער האט נישט ארויסגעוויזן איר אומרו צוליב דעם מאנס שוויגן, ווארטנדיק אויף א בריוו אדער א קלונג. דער ראדיא האט געמאלדן, אז נאך שווערע שלאכטן איז דער שונא אויפן צפון־פראנט אפגעשטויסן געווארן און אז אונזער ארמיי האט אריבערגעטראגן די מלחמה אויפן שונאס טעריטאריע.

צווישן די, וואס האבן מיט זייער לעבן באצאלט פארן אפשטויסן דעם שונא, איז אויך געווען ער, זייער איידעם. אין די סוכות־טעג אין א פאר־נאכט, איז אנגעקומען די פינסטערע בשורה, וואס האט זיך צעטראגן אין אלע ווינקעלעך פון קיבוץ און אנגעפילט זיי מיט א טיפן טרויער. שטיל האבן חברה באטרעטן די שוועל פון די אבלים. די טרערן זענען פארגליווערט גע־ווארן. אפילו דאס פיצל קינד האט געשוויגן אין בעטעלע. ווער ווייס ווי לאנג די שטילקייט וואלט געדויערט, אבער פלוצים האט אן עלטערער מאן איבער־געריסן די שווערע, דריקנדיקע שווייגעניש: „מען דארף דאווענען מעריב!“ מיט ציטערדיקע הענט האט ער צוויי ליכט אנגעצונדן. אין דער לופט האט זיך צעציטערט א „והוא רחום“. . . און ווען די תפילה האט זיך פארענדיקט, האט דער טאטע געזאגט קדיש נאך דעם איידעם. די יונגע מאמע האט זיך אויסגעדרייט מיטן פנים צום בעטל, ווי זי וואלט עפעס וועלן זאגן איר פיצל קינד. דער עולם האט זיך אנגעהויבן פונאנדערצוגיין. און די לייכטער האבן געצוקט די פלעמלעך, ווי זיי וואלטן זיך געלאשן פון אומגעזעענע טרערן. אין דער לופט האט זיך געטראגן דער מעריבדיקער והוא רחום . . . יתגדל ויתקדש.

## דער וועג צו דיר...

דער וועג צו דיר
פארשאטן ליגט מיט מתים,
מיט עופהלעך פארברענטע
און זקנים אין טליתים,
פון יונגע פרויען מיט אויפגעשליצטע לייבער,
שייטלען פארבלוטיקטע
פון צניעותדיקע ווייבער.

דער וועג צו דיר
פארטרונקען ליגט מיט טייכן,
שטראמען פארבלוטיקטע,
ביז צו דיין טראן דערגרייכן
ביינער אויסגעדארטע
פון הונגעריקע יארן;
פארשאטן ליגט דיין וועג,
כמעט שוין גאנץ פארלארן.

נאר עס איז נאך צייט,
דו קענסט עס איצט באווייזן,
פארפילן דיין הבטחה
אונז פון גלות אויסצולייזן.
דו האסט אונז אויסגעוויילט
פון פעלקער אונז אלייך,
מאך לייכטער אונזער וועג
צוריק אהיים צו גיין.

## אין וואלד

אין וואלד כ׳וואלט וועלן לעבן,
פארברענגען דא מיין צייט
צווישן די שלאנקע ביימער,
די צווייגן ברייט צעשפרייט;
זיך צוהערן ווי עס שעפטשען
די ביימער טאג און נאכט,
ווי ברידערלעך זיי לעבן,
פון הימל נאר באוואכט.



אין די גרינע צווייגן
ווי מיט עמעראלד פארפוצט,
אויף די צארטע גראזן,
פון קיינעם ניט באשמוצט;
כ׳וואלט לערנען ווי צו שווייגן,
ווי עניוותדיק צו זיין,
ווי אין לעבן זיך צו פרייען
און אין יאוש ניט פארגיין.

אין וואלד כ׳וואלט וועלן לעבן,
פארברענגען דא מיין צייט;
אין וואלד איך וואלט דערגרייכן
דעם סוד פון אייביקייט.

## איך זוך נאך אלץ...

דיין ווארימער בליק
האט ווי א שטראל מיך געטראפן
און האט ווידער דערוועקט
פארלאנגען און האפן;
מיט גאלדענע פליגלען
מיך צום הימל דערהויבן,
וואו באהאלטן עס ליגט
מיין צעבראכענער גלויבן.

נאר דאס ערשטע ווארט,
וואס דו האסט געשפראכן,
האט באלד יעדע האפנונג
און גלויבן צעבראכן;
ווי אלע אנדערע
דו האסט קיין געפילן
און מיינסט, אז דאס לעבן
איז דא נאר צום שפילן.

וואנדער איך ווידער
דורך עלנדלאזע גאסן,
קוק איך די פנימער
פון אומצייליקע מאסן,
טרעף זיך מיט בליקן

פול מיט באגערן,
נאר צו קיינעם פון זיי
כ׳וואלט וועלן געהערן.

זוך איך נאך אלץ,
און זוך צו געפינען
א נשמה, מיט וועמען
דמיונות צו שפינען;
מיט וועמען צו בויען
א בעסערע וועלט,
וואו אחדות זאל הערשן
און נישט נאר דאס געלט!

אייזיק גאלדבערג

## ציילן פינף און פופציק יאר

— געווידמעט מייך ליבער פרוי צביה און מיר צו אונזער
פינף און פיפציקסטן יאר נאך דער חתונה —

ס׳איז נישט ביי אלע
אזא גליק פאראנען,
פינף און פופציק יאר
ציילן צוזאמען.

יונגע מענטשן ציילן יארן,
ציילן, ציילן זייט זייער געבוירן,
אזוי גייט עס לעבן לאנג,
יעדעס יאר איז א געשאנק.

אזוי גייט עס, אלעס דרייט זיך
און דאס לעבן ארום בייט זיך
מיט דער צייט, מען ווערט עלטער,
אלץ ארום ווערט עפעס קעלטער . . .

פרילינג, זומער איז אוועק,
הארבסט און ווינטער, אוי א שרעק!
אזוי גייט דאס לעבן ווייטער, ווייטער,
פונקט ווי יעקבס חלום־לייטער . . .

אלעס גייט אראפ, ארויף,



אן אן אנהויב, אן א סוף
דאך איז אלץ נאך צו דערליידן,
אז מען עלטערט זיך אין פריידן.

ציילן, הייבט מען אן פון דאס ניי,
ווען די „זיבעציק" איז פארביי.
דאמאלס, ווערט אלץ לייכטער, גרינגער
און עס דאכט זיך, מען ווערט יונגער.

פון דאס ניי, מען ציילט די יארן,
נאכאמאל, ווי ניי געבוירן;
ציילן ווילט זיך, נאך לעבנס־לאנג,
ווייל יעדעס יאר, איז א ניי געשאנק!. . .

## א געבורטס-טאג וואונטש

— פאר אסתר ערלעכמאן, אויגוסט, 1974 —

ליבע אסתר,
ביסט ווי א שוועסטער,
ווען דו קומסט
מיט פריינט צוזאמען.

מען קאן זאגן
גוט איז צו פארמאגן
אזא גייסטיק קלארקייט,
וואס ביי דיר פאראנען.

נישט יעדער מענטש
איז געבענטשט,
גייסטיק יונג
צו פארבלייבן.

דערפאר ווינטשן מיר
דיר אן א שיעור
אלעס גוטעס,
פול מיט פריידן!. . .

## ביים ים — איינדרוקן —

כוואליעס ווארפן, שטראמען יאגן
אן א ציל און אן אן ענד,

ווי זיי לויפן מיט אן אימפעט,
דאס קלארע אויג ווערט אזוש פארבלענדט.

און דו זיצסט, קוקסט פארוואונדערט
אויף בארג און ים און הימל־בלוי,
און דיר האכט זיך די זונען־שטראלן
בלייבן אייביק אט אזוי . . .

און די מענטשן זיך באוועגן
פרייליך, האפערדיק אהער אהין,
און די קליידונג פארשידנפארביק
ווי בלומען־פארבן אין גראזיק־גרין.

און עס דאכט זיך, אז פארברידערט,
שלום, שלוה איז אויף דער וועלט;
ווילסט גאר דענקען, האפן, גלויבן
אז עס וועבט זיך א נייע וועלט ! . . .

דאך ווי דער טאג נאר איז פארשוואונדן,
ווערט פון אלעם אנדערש גאר,
אלץ באקומט אן אנדער פנים
ווי דאס אלץ וואלט נישט זיין וואר.

נישט קיין זון, קיין בלויער הימל,
גרוי און טונקל ווערט די וועלט,
וואלקן־פאסן מיט וויאלעטן־פארבן
האבן זיך גאר איינגעשטעלט.

און די מענטשן ווי פארשוואונדן
פון די ברעגעס, פון דעם ארום,
באלד ווערט קאלט אויף דער נשמה,
ווי נישט געווען, אלץ איז שטום.

און די כוואליעס שטורעמען, ברויזן,
דער גאנצער ים ווי א ווילד יאריד,
גענוי ווי מענטשן אזוי די באשאפונג
קעמפט פאר לעבן און ווערט נישט מיד.

יא, דער מענטש בלויז א פליג נאר
אקעגן אלעס, וואס ארום,



ווען זיין לעבן איז פאריבער,
בלייבט ער רואיק, טויט און שטום . . .

דויד בערמאן

## זינג - פייגל אויף מיין קאשטאן - בוים

אין מיין גארטן שטייט א קאשטאן־בוים,
כ׳זע דעם בוים און האב אים ליב;
זינג־פייגל אויף צווייג בויען א היים,
זינגען, און מיר אין הארץ נישט מער איז טריב.

ס׳וואקסט, די בלעטער מיט פרילינגס־רעגן,
געקליידט אין גרינע בלעטער — א פראכט !
באגלייטן אים מחנות אצינדער ווייסע בלומען;
א זינג־פייגעלע דארט זינגט און וואכט.

אצינד פארן פענסטער פליען פייגל אסך,
באזינגען דעם בוים, די וועלט צוגלייך,
פרייליכער ווי אנדערע פייגל, איך טראכט
איז דאס שיינע זינגען פון זינג־פייגעלעך.

זומער איז דא, ס׳שיינט די גאלדענע זון,
ווי אין שאטן פון גרויסן בוים כ׳זיץ,
מיט בליק די פייגעלעך כ׳טו פאלגן טון,
פיטערן זייערע עופהלעך אויף צווייגן־שפיץ.

אין הארבסט פאלן שוין קאשטאנעס זייגע
פון שיינעם בוים אראפ אין מיין גארטן,
זורכנדיק זאמען, זינג־פייגעלעך די קליינע
זינגען נישט מער אזוי פריילעך דארטן.

דעמלט פאלן די גאלדענע בלעטער פון זיין קרוין,
פארוויאנעט זיי ליגן אויף דר׳ערד לעבלאז און געל,
אוועק די יונגע פייגעלעך, פארפליגן פון בוים
צו אנדערע ערטער, וואו זון שיינט איצט העל.

ווינטער ס׳פאלט שניי אין ווייסן גארטן מיינעם,
נאקעט, ווייס און בלויז שטייט מיין קאשטאן־בוים,

הונגעריק די זינג־פייגל אלע אינאיינעם
ווען אויפן פענסטער מיינעם בליט פראסט שוין.

ביטער איז ווינטער, שניי אויף דער וועלט,
כ'וואך אויף אין הער פרי און געפין איינס שוין טויט,
א צווייטער זינג־פויגל שרייט איצט פון קעלט —
און הונגעריקערהייט עסט ער מיין קרישקעלע ברויט!

ווייך נישט, איינזאמער שווארץ־פייגל, אויפן בוים,
כ'זע שוין א סימן פון פרילינג, וואס קומט;
באלד און א נעסט נייע וועט זיין דיין היים
און אלע וועלן הערן ווי שיין דו זינגסט.

אי נ. שטענצל

## דער שורש — המשך —

4

כ'טאר נישט אוועקגיין פון דעם ביסל ביבליאגראפישן, וואס כ'האב מיר פארגענומען — תפסת מיעוט תפסת . . .—. מיך ארייגלאזן אין דער מחשבה בלויז פון יענע יארן אין בערלין, וועל איך אינגאנצן שוין מטושטש ווערן.

בלויז דאס ארייגשטעקן זייער פארזשאווערטן נאצי־קליק אין אונזער אונטערגעזעגטן בוים — „אסט־יודע, דויטשער יודע", ווי זיי האבן דאס דעמלט אזוי סארקאסטיש געטון, דאס אליין מיך צו פרואוון דערמאנען, איז שוין איבער מיינע כחות.

אבער ס'איז זייער רשעות דאך נישט געלונגען. די „רעטונגס־ארבעט" אין ביידע צדדים, ביי די אלט־איינגעזעסענע יאהודים און ביי די מזרח־יידן, איז באמת געווען למעלה מן־הטבע.

בלויז די ארבעט ארום דער „קינדער־עליה" דעמלט וועט, מסתם, בלייבן א גרויס קאפיטל אין דער יידישער געשיכטע.

און איך בין מיר דערווייל אנגעגאנגען מיט מיין „פריוואט" ארבעט „ווי קיינמאל גארנישט" — אין יענעם יאר זענען ארויס מיינע פארשיידענע ליריק־העפטלעך און דאס גרעסערע ביכל „צווישן הימל און ערד", ארויס־געגעבן אין „רובין מאס פארלאג".

איין טאג, אהיינקומענדיק אין ביכער־געשעפט, ווייזט מען מיר א בריוו פון „ארץ"; דאס הויפטגעשעפט איז שוין געווען אריבערגעפירט קיין תל־אביב „היתכן, ווי קומען זיי צו דרוקן א בוך אין זשארגאן?"

פארשטענדלעך, עס איז דעמלט געווען די „עפאכע", ווען מען האט געברענט יידישע צייטונגען און ביכער אין קיאסקן אין תל־אביב.

איז ווי האב איך געקאנט נעמען נאטיץ פון די אלע דריגנענדיקע בריוו־איינלאדונגען פון דער לאסקער־שילער מאקס בראנשטיינס אנציענדיקע ?. . .



אבער אין איין שיינעם טאג — דאס ווארט „שיינעם" דא איז נישט לשם סטיל — קומט אן א פעקל מיט העברעאישע שירים און מיט א פריילעכן, הומארפולן בריוו פון דוב שטאק — כ'קאן מיך נישט דערמאנען צי איז עס געווען פון מיין „פישערדארף" אדער די תנ"ך־פארטרעטן פון „מזל־טלה"...

פון יוסף אפאטאשו באקום איך א בריוו, כמעט אין דער זעלבער וואך. אין א זשורנאל פון די אינזיכיסטן — איך געדענק נישט מער דעם נאמען — איז געווען אפגעדרוקט דאס ישעיהו־ליד פון „מזל־טלה" און אונטערגע־שריבן „דאס בעסטע ליד דעם חודש".

אבער נישט נאר איוב־בשורות יאגן זיך איינע נאך דער אנדערער: טאקע איבער דעם בוך, „מזל־טלה", איז דעמלט געווען אפגעדרוקט אן ארטיקל אין „מאמענט" פון חיים סימיאטיצקי . . .

און ווידער שפעטער אמאל ווי פון הימל אראפ פאלט מיר אריין א בריוו פון שאגאלן, אז ווען ער פלעגט ארויסקומען צו יוסף אפאטאשון, האט ער אים פארגעלעזן פון מיין „מזל־טלה".

מילא, איז דאך די ארבעט מיינע נישט אינגאנצן ארויסגעווארפן . . .

אין יענע חדשים בין איך אריינגעשלעפט געווארן אין דער „קולטור־ארבעט", אזוי צו זאגן, פונם געגרינדעטן פוילישן פאריין.

יא דאס יאר דעמלט איז געווען א לייכט יאר. די אסט־יודן האט זיך אנגעהויבן דאכטן, אז זיי זענען פוילישע בירגער, די פוילישע רעגירונג שיצט זיי און דער עיקר בערלין האט זיך אנגעהויבן צוצוגרייטן צו דער אלימפיאדע, און די נאצי־הערשער האבן נויטיק געהאט צו באווייזן א שענער פנים פאר דער וועלט.

צו שרייבן איבער דעם „פוילישן פאריין", וואס האט זיך פאר מיר אויס־געלאזט, ווען די נאציס זענען געווארן געוואויער, אז איך בין גאר א שטאא־טנלאזער און איבער דער מענדעלע־מוכר־ספרים פייערונג צום הונדערטסטן געבוירן־יאר פון אונזער קלאסיקער, איינגעארדנט (אין הויז פון פריינט פיש), פון ד"ר יעקב מייטליס—דאס געהערט נישט צו ביבליאגראפיע. אבער די מענ־דעלע־פייערונג אין דער אסט־יידישער סביבה ארום גרענאדיר־שטראסע מיט די לעצטע „קולטור־פאריין"־חברים אפאר ווערטער, ווייל עס האט דאך א שטיקל שייכות דערצו.

א יידישלעכער רעסטאראן, אפגעדונגען אויף א „תנאים". אויבנאן איז געזעסן הארא דימאנט, אן אויסגעשולטע אקטריסע, די פריינדין פון פראנץ קאפקא — „די כלה", איך „דער חתן", ארום אפאר צענדליק געבליבענע חברים פונם געוועזענעם קולטור־קלוב און אייניקע ליבהאבער פון יידיש, צווישן זיי איציק מאנגערס שוואגער, אברהם מרגליות א פאעט, געשריבן יידיש און העברעאיש, מאסטבוים א שרייבער אין יידיש, דייטש און העברעאיש.

הארא דימאנט האט געלייענט א קאפיטל פון „ווינטש־פינגערל", איך האב גערעדט איבער מענדעלען, דער עולם האט געזונגען יידישע לידער. מ'האט זיך משמח געווען, מ'האט זיך געפריידט וואס אויך מיר, א געהעצטע

גרופע יידן אין נאצי־דייטשלאנד, זענען נאך מיטבאטייליקט אינם הונדערט־
יעריקן יובל פון אונזער קלאסיקער.

יא, די פאר אויפגעשריבענע שורות האבן שוין א דירעקטע שייכות צו
מיין ביבליאגראפיע.

צומארגנס אין דער פרי האב איך געברענגט דאראן צו הער באן מיט
איר איין־יאריק קינד, מאריאנא—דעם פאטער האט מען שוין מיט כל־הקונצן
געהאט ארויסגעריסן פון א נאצי־געפענקעניש און איבערגעשיקט קיין מאס־
קווע; דאס קומען צו באגלייטן א מאסקווע־אפפארן האט נישט ווייניקער
געשמעקט מיט געפאר ווי די נעכטיקע פארמאסקירטע מענדעלע־פייערונג...

ביים געזעגענען זיך נעמט זי ארויס דאס זילבער־געלט פון פארטמאנע.
זי האט דארט געהאט מער ווי די דערלויבטע צען מארק מיטצונעמען:

— דרוקט אפ די נעכטיקע רעדע איבער מענדעלע מוכר־ספרים!

דאס קליינגעלט איז גענוג געווען ארויסצוגעבן דעם מענדעלע־עסיי
אויף פערגאמענט־פאפיר, מיט א גאלדן שנורעלע געבונדן — „בערלין, 1936".
אויפן שער־בלאט — א צייכענונג פון מענדעלען.

דאס איז געווען מיין דריטער עסיי איבער אונזערע קלאסיקער.
זערע קלאסיקער.

איבער פרצן צו דער צוואנציקסטער יארצייט איבערזעצט אויף דייטש
א חודש פריער אין בערלינער געמיינדע־בלאט — דאכט זיך — אויך אזוי
הער מענדעלע־עסיי אין דער האמבורגער יידישער צייטונג — דאכט זיך—.
אט די אלע דריי עסייען, לאנדאן, 1942, אין מיין בוך, „יידיש".

וואלט מיין לעבן געגאנגען אנדערש, וואלט איצט נאך געווען אנדערש,
וואלטן די פיר זייטלעך פארנומען, מסתם, פיר הונדערט — אויב נישט נאך
מער!

אבער א לידל־שרייבער מוז דאך זיין כאטש אביסל פעמינין, און ער
מאכט תמיד די ברכה „שעשני כרצונו".

כ'גיי צו צו מיין ביכער־פעקל, ארויסגעראטעוועטע דעמלט פון דייטש־
לאנד — עס פאלט מיר אין דער האנט אריין דאס גרין־איינגעבונדענע ביכל,
„צווישן הימל און ערד". כ'בלעטער עס און איך פריי מיך, אז אין אט די
לידער געפינט זיך דאך עפעס א היך פון יענעם באנד ליבע־לידער, „זוך
איך דיך", וואס איז שוין געווען גאנץ אויסגעזעצט און עס איז ערגעץ פאר־
קומען נאך איידער מען האט עס אפגעדרוקט.

אטייל פון יענע לידער זענען אפגעדרוקט אין פארשיידענע צייטונגען,
בעיקר אין „לייפציגער יידישן וואכנבלאט" אין ד"ר א. זוהלס איבערזעצונג
ווי אויך אין דער דייטשער איבערזעצונג פון עליזאבעט וועלער.

כ'צייל די אנדערע ביכלעך און זע, אז איך האב אויך נישט מיין גאנץ־
ערשטע „לידער און געדיכטע" — מענעס־פארלאג, 1924. דאס בוך, „און דו
ביסט ג'א[illegible]", שמש־פארלאג, לייפציג 1925, איז דאך דא. כ'האב עס געזען
אין דער ספרים־שאנק ביי ד"ר יעקב מייטליס.



די צייטונגען: ווילנער־טאג, ריגער־וועג, מילגרוים, מארגן־זשורנאל,
די נעסט צוקונפט, ליטעראַרישע בלעטער א.א. האב איך בכלל נישט. מיין
ערשט ליד געדרוקט אין א בערלינער יידישער וואכן־צייטונג 1921.

עס מוז שוין איינעם, מישטיינסגעזאגט, זיין גוט אנגעזאליעט אויפן אלטן
הארץ, אז א ייד קרוב שמונים, האט נישט קיין אנדערע זארג אין קאפ ווי זיך
אפצוגעבן מיטן אייגענעם ביסל ביבליאגראפיע, ווייל דאס אפגעראטעוועטע
פעקל־שמות, וואס מ'שלעפט מיט זיך, ווייסט מען נאך אלץ נישט וואו עס
וועט פארווארפן און פארפאלן ווערן...

יא, לידער האבן דעם זעלבן גורל, וואס א מענטש. די אלע נישט־
געדרוקטע לידער פון דעמלט זענען אומגעקומען — אחוץ די, וואס זיך גע־
ראטעוועט אין דייטשער איבערזעצונג. די רש"י־פאעמע, וואס האט געהערט
דעמלט צו מיינע בעסטע, איז אויך פארלוירן; זי איז געבליבן ביי יוליוס באב
פאר זיין „קולטור־בונד". אזוי צענדליקער און צענדליקער — חסל.

## א חיזיון אויף ווייטשעפל-גאס — אין א הייסן, סוף־יולי טאג

דריי רייטער געריסן איבער דער גאס דא,
כ'בין געבליבן שטיין ווי פאר א חיזיון;
ווילאנג שוין נישט געזען דא אזוינס.

— צומאל די ברויערייפערד דא פארשוואונדן!
ווי גרויס די וועגענער זיינען געוועזן,
נישט געסטייעט שוין פאר די ביר־פעסער —.

דאס לעצטע פערד מיט אויפגעהויבענעם עק
און מיט דער גריווע דער ווילד־צעפלאשעטער,
ממש פון איוב־קאפיטל ארויס.

וואוהין רייטן זיי דא די דריי רייטער,
וואסער בשורה ברענגען זיי אין העלן טאג?
די בליקן אויפגעריסן ברענענדיק!

די ציין ווי צעדולטע זיי בלאנקן,
צוים צו צעבייסן, לייצן צו צערייסן;
ס'צעפלאשעטע געפלאם פון דער גריווע!

אט דיבאם אויף די הינטערשטע שטייט עס,

װי ס׳ציטערט די ערד אונטער זייערע טלא;
די פאדרשטע — הימל איינצורייסן!

ס׳געהירזשע װי עס רייסט זיך װילד פון אים,
דאס געסאפע פון די נאסטרעס צעכעסטע,
װי קאסאקע־קלוג די שליפיעס קוקן.

פונקן־סנאפעס פייעדיקע שפריצן,
די גאנצע גאס דא כאטש אונטערצוצינדן — —
מיינע אויגן פארגולמט גרויס גלאצן.

א גייענדיקער פאליציסט שטעלט מיך אפ,
פרעגט מיך כלומרשט פריינטלעך, דאך איינגעהאלטן:
„װאס קוקסטו אזוי אינטערעסירט נאך?"

און באמת טאקע מיט מיין גאנצן הילוך,
זע איך דען נישט פארדעכטיק אויס פונקט אזוי,
װי איינער פון די טרעמפס, די אירישע?

עס פעלט מיר נאר די בראנפן־פלאש אין דער האנט,
א פארשיכורטער זע איך סאיװי אויסעט:
„איז נישט װאונדערלעך אזוינס דא צו זען?"

„אז װילאנג שוין בלויז נישט געזען א פערד דא,
פריידיק־געהירזשע־אויפציטער נישט געהערט,
דעם קלוגן פלאם פון ליכטיקע שליפיעס — —"

ער קוקט מיך אן װי עפעס א חושים,
אן א װארט, װי אנטוישט ער דרייט זיך אװעק,
און די דריי רייטערס נישט מער ס׳איז צו זען — —

ארום מיר װידער װילד גערויש, געשטאנק,
ס׳דריקען זיך די סיגנאל־אויגן בלוטיק־רויט,
געיעג פון קארס — געהרגעט צו װערן.

## נישט געזאנג כ׳הער, א שליאכצנדיק געװיין

1

די שנייד־מאשין גייט צװישן די זאנגען,
הער עראפלאן הויך אין בלויען הימל פליט;



טיף כ׳בויג מיך אראפ צו דער נאקעטער ערד,
א קארן־בלימל װאונדערלעך אויפגעבליט.

און די מאן־בלום װי די זון רויט־צעגליט!
װעלן זיי א זכר בלייבן אזוי שטיין?
כ׳הייב אויף מיין בליק, אין הימל קרייזט א שװאלב,
נישט געזאנג — איך הער א שליאכצנדיק געװיין.

היי־יאר נישט דעם ריח פון קארן־זאנג אין פעלד —
דעם ביטער גערוך פון טויט כ׳האב דערשמעקט!
גאנצע נאכט אויפגעציטערט ס׳האט מיין הארץ,
פון קאלט־טריפנדיק טוי טיף אויפגעשרעקט.

2

קיין קאסע־קלאנג, קיין שניט־געזאנג,
זע, װי עס רייסט פון געפאנג
און אלץ העכער אינם אין־סוף
פארלוירענע שװאלב הייבט זיך אויף.

װעט זי דערפליען ערגעץ־װאו,
א שטערנדל איר געבן רו?
צי שוין אויבן אויך אלץ פארקערט
װי דא אויף אונזער זינדיקער ערד?

3

דאך דא אזוינס העכער פון טויט, טיפער פון לעבן,
פאר א צװייטן גאנץ זיך קענען אװעקצוגעבן;
אן אזעלכעס גאנצער װעלט װאסער װערט געװעזן?
אזעלכעס פאראן — נישט נאר אין ביכער צו לעזן.

װילאנג אזוינס דאך פאראנען, קאן מען גלייבן,
קאן א מענטש נאך פון גוטסקייט און פון חסד שרייבן;
אויפסילן אויף שנירלעך טוי־טריפנדיקע טרערן,
און װי מארזא־שריפט א הארץ אויסקלאפן הערהערן.

4 ע. װ. לזכרון

ברייװל פון דיר כ׳װעל שוין מער נישט באקומען,
אבער פון צװישן די שורות די װערטער;

א, ווי שווער עס וועט דאס זיין דאס לייענען,
אזא בריוו, א הויל־נאקעטער, פארטרעטער.

זע ווי זיי פאלן ווי וויאנענדיק־פארווישט,
פון צער ברעכן זיך די פינגער די צוויגן;
דיביימער שאקלען טרויעריק מיט די קעפ,
אלץ סודותדיקער אין שטומען שווייגן.

זאגט מען נישט: „בריוו זיינען ווי מען לייענט זיי"?
נקודות אבער פאלן ווי טרערן —
ס'פינסטערע פינטלען מיט פארלאפענעם בליק,
צו הערן אזוינס נישט אויפצוהערן — — —

## ש ק י ע ה

די זון גייט אפ אין בלוט,
כ'שפיר יעדן טראפ ווי ער רינט,
שקיעה ארום און ארום —
אטייל דערפון כ'בין אצינד.

דאך גוט זיצן אזוי,
דערפילן מען קאן עס נאך;
פאלט א בלעטל פון בוים,
אין הארצן עס גיט א טיאך.

די זון פארלאשן שוין,
ווי איך, וואס אויף באנק דא זיצט —
אפגענומען ס'לשון!
ווארט דען דא פאר דעם דא איצט?

## אדער איך גאר?

דאס איינגעדארטעביימל אויף מיין הויף,
איינגאנצן פליכיק עס איז שוין באלד;
די לעצטע בלעטלעך פאלן געל און רויט,
אין מינדסטן ווינט ווי ס'וואקלט און פאלט.

די גאנצענע גאל שוין שוין אויסגעשפיגן!
אצינד לעצ״טע שטיקער לונג עס שפייט —



ווי ס'פאלן די בלעטער געל אין ווינט
און ווי צונטער־רויט די זון פארגייט.

ניין, ס'איז נישט דער ווינט דרויסן פארן פענסטער —
באוויינען דעם גוסס שוין מען הערט!
ס'אכצן, ס'שליוכצן, ס'קרעכצן און דאס כארכלען —
זע, די פענסטער ווי פינסטער־פארטרערט.

איז עס טאקע ס'ביימל אויסגייענדיק
אין גאס־רעגן דרויסן אויף דער גאס,
אדער איך גאר אין מיין בייזן חלום
אויף מיין קישן פון טרערן פיטש־נאס?

*　　*　　*

א גאנצע נאכט האט עס געגאסן,
אין דער פרי וואסער וואונדערלעכער טאג!
און אראפקומענדיק אויפן הויף,
ליגט דאס ביימל גאנץ אונטערגעבראכן.

דער סוף היינט פון די וואקאציע־טעג,
האבן די קינדער א שמחה געמאכט,
זייער פרייד צום ביימל אויסגעלאזן
און עס עוקר־מן־השורש געווען.

ווי ס'ליגט אזוי טויט־אויסגעצויגן,
דאס ליכט צוקאפנס — אין הימל די זון!
אויף די אויגן די צוויי שערבעלעך —
די צוויי וויאנע־בלעטלעך צווישן געצוויג.

ווען די קינדער קומען פון דער שול,
ווי כ'היט מיך אויפן הויף אראפצוגיין:
ליג איך נישט אהנטן אויסגעצויגן —
ס'ביימל, מיט שערבעלעך אויף די אויגן?

נעט רובין

## אויפגעלעבט אן אלטן מנהג

מיר, יידן, זענען א פאלק פון טראדיציעס און מנהגים אן א שיעור. און היות מיטן אומקום פון זעקס מיליאן יידן אין די מזרח־אייראפעאישע לענדער און דער גרויסער אסימילאציע אין די מערב־אייראפעאישע לענדער,

זענען אסך טראַדיציעס און מנהגים פאַרגעסן געוואָרן.

בלויז מיר, יידן היימישע פון עלטערן דור, לעבן נאָך מיט זכרונות פון אָט די אַלטע טראַדיציעס און מנהגים . . . למשל, מאכלים, וואָס האָבן געהאַט עפּעס אַ שייכות מיט ימים־טובים: פּורים — פּריטלעך און געזאַל־צענע און געפעפערטע אַרבעס; פּסח — קניידלעך; ערב יום כפּור — קרעפּלעך; שבועות — מילכיקס און ברייטע לאָקשן מיט קעז.

ווי וואונדערלעך האָט שלום־עליכם עס אויסגערעכנט אָט די דאָזיקע טראַדיציאָנעלע מילכדיקע מאכלים, וואָס מען פלעגט מאכן לכבוד שבועות אין דער דערציילונג זיינער „מילכיקס"! אַזש זעקס און דרייסיק אַזעלכע מינים מאכלים זענען פאַרצייכנט אין אָט דער דערציילונג . . .

היינט די טראַדיציעס פון צדקה, גמילות־חסדים, מלביש־ערומים און הכנסת־כלה. האָט דאָך יעדע מאַמע פאַרן ליכט־בענטשן אַריינגעוואָרפן עפּעס אַ מטבע אין אַ צדקה־פּושקע. ווער האָט עס נישט געהאַלטן, אַז צדקה לאָב־יונים איז אַ גרויסע מצווה?

געווען אַמאָל אַ טראַדיציע ביי חסידים נגידים צו מאַכן אַ סעודה פאַר אָרימעלייט פאַרן חתונה־מאַכן אַ זון אָדער אַ טאָכטער. אַזאַ מאַלצייט האָט מען אָנגערופן „אַן אָרים־מאַלצייט". אין זיין וועלט־באַרימטער דראַמע, „דער דבוק", האָט ש. אַנ־סקי פאַראייביקט אָט די דאָזיקע טראַדיציע.

די דאָזיקע סצענע, ווי ר' סענדער בריניצער מאַכט חתונה זיין טאָכטער לאה און אָרדנט איין אַ סעודה צופאַר פאַר אָרימעלייט, האָט מען דאָס ערשטע מאָל געזען דאָ אין לאָנדאָן ווען די ווילנער טרופּע, אייביקע קרוין פון יידישן טעאַטער, איז פאַרגעקומען אין 1921־22 אויפצופירן „דעם דבוק" און אַנדערע דראַמעס און פּיעסעס.

מיטן סיסטעם פון פענסיאָנירן זקנים האָבן אויפגעהערט צו עקזיסטירן אָרימעלייט! ס'איז געוואָרן אויס מיט דעם, וואָס האָט עקזיסטירט נאָך מיט פופציק יאָר צוריק און ממילא איז כמעט פאַרשוואונדן אָט די טראַדיציע פון צדקה לאביונים, אַזוי, אַז חסידים נגידים דאַרפן שוין נישט אין זינען האָבן אָרימעלייט ווען מען מאַכט חתונה אַ קינד.

היינטיקע צייטן האָט מען שוין געשאַפן כל־ערליי קלובן פאַר זקנים, אַטייל אַזעלכע קלובן עקזיסטירן אין זאַלן ביי סינאַגאָגעס. מען קומט אַהין צו פאַרברענגען אַפּאָר שעה אין אַן אָנגענעמער, פריילעכער אַטמאָספערע.

אין סאַמע האַרץ פון ווייטשעפּל, נאָך אין יאָר 1901, האָט זיך געגרינדעט אָט אַזאַ קלוב, מיטן נאָמען „וויקטאָריאַ־קלוב" וואָס האָט זיך דערנאָך אַריבער־געצויגן קיין סטאַמפאַרד־היל. דאָס אָבער איז אַ קלוב בעיקר פאַר יוגנט מיט אַן אָפּטיילונג פאַר פענסיאָנירטע מענטשן. מערקווירדיק וואָס דער אָנ־פירער פונם קלוב, אַ בחור, האָט חתונה געהאַט מיט דער אָנפירערין פון דער פרויען־סעקציע און עס איז זיי געקומען אויפן געדאַנק אָנצוגרייטן גראָד אַ חתונה־מאַלצייט פאַר די זקנים פונם קלוב. דאָס מאַלצייט האָט מען, נאַטירלעך, נישט אָנגערופן מיטן טראַדיציאָנעלן נאָמען „אָרים־מאַלצייט",



נאָר מיטן ענגלישן נאָמען „פּאַרטי". אַפּאָר טעג פאַר דער חתונה זייערער האָט מען אין זאַל פון „וויקטאָריאַ קלוב" געפּראַוועט די סעודה פאַר קרוב הונדערט זקנים און זקנות! אַזוי אַרום האָט מען ווידער אויפגעלעבט איינע פון די שענסטע יידישע טראַדיציעס, און לאָנדאָנער יידן נגידים וואָלטן געמעגט נאָכפאָלגן אָט דעם שיינעם ביישפּיל פון די חתן־כלה! אַ ברכה אויף זיי!!

נאטאליא גינזבורג

## די צעריסענע שיך

מיינע שיך זענען צעריסן און מיין פריינדין, מיט וועמען איך וואוין איצט, האָט אויך צעריסענע שיך. ווען עס קומט אונז אויס צו רעדן איינע מיט דער אַנדערער, רעדן מיר אָפט פון שיך. אויב איך רעד צו איר פון דער צייט, ווען כ'וועל זיין אַן אַלטע, באַרימטע שרייבערין גיט זי מיך אַ פרעג: „און וואָס פאַר אַ שיך וועסטו דעמאָלט האָבן?" זאָג איך איר אַז כ'וועל דעמאָלט טראָגן שיך פון גרינער געמזע, מיט אַ גאָלדענעם שנאַל פון דער זייט.

ביי מיין משפּחה האָט יעדער איינער סאָלידע און גאַנצע שיך. מיין מאַמע האָט אַפילו געלאָזט מאַכן אַ שענקל, וואו צו האַלטן אירע שיך, אַזוי פיל פאַר האָט זי געהאַט. קום איך אַמאָל צו זיי אַהין, הויבט זיך אָן אַ געוואַלד־געשריי פון חרפּה און ווייטאָק איבערן פּנים פון מיינע שיך. איך ווייס דאָך אָבער, אַז אַפילו מיט צעריסענע שיך קאָן מען אויך לעבן. אונטער די דייטשן בין איך געווען איינע אַליין דאָ אין רוים, און האָב נישט געהאַט מער ווי איין פּאָר שיך. וואָלט איך זיי געגעבן אַשוסטער צו פאַרריכטן, וואָלט מיר אויס־געקומען צו ליגן אַ צוויי־דריי טאָג אין בעט, און דאָס איז מיר נישט געווען מעגלעך. האָב איך זיי אַזוי געטראָגן, און דערצו האָט עס נאָך גערעגנט און כ'האָב געפילט ווי ביסלעכווייז צערייסן זיי זיך, ווערן צעזוויקט און פאַר־לירן זייער פאָרם, האָב דערפילט די קעלט פון די טראָטואַר־שטיינער אונטער די זוילן פון די פיס. אָט דאָס איז פאַרוואָס נאָך היינט טראָג איך צעריסענע שיך, מחמת כ'דערמאָן מיך אין יענע און די זעען מיר נישט אויס אַזוי צעריסן, און אויב כ'האָב געלט, גיב איך עס ליבער אויס אויף אַנדערע זאַכן ווייל שיך דערשיינען מיר מער נישט ווי זאַכן אַן וועלכע מען קאָן זיך נישט באַגיין. פון אָנהויב אָן האָט מען מיך צעפּיעשטשעט, תמיד מיך אַרומגערינ־גלט מיט צערטלעכקייט און וואַכזאַמקייט, נאָר אין יענעם יאָר אין רוים האָב איך מיך געפילט איינע אַליין צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן, און דערפאַר איז רוים מיר אַזוי טייער, הגם אַ געשיכטלעכע לאַסט פאַר מיר, אַ משא פון קומערפולע זכרונות, פון ווייניקע אָנגענעמע שעהן. אויך מיין פריינדין טראָגט צעריסענע שיך, און דערפאַר האַלטן מיר זיך אַזוי גוט. מיין פריינדין האָט נישט קיינעם, וואָס זאָל איר פאַרוואַרפן די שיך, וועלכע

זי טראָגט. זי האָט בלויז אַן איינציקן ברודער, װעלכער װאױנט אויפֿן לאַנד און שלעפּט זיך אַרום אין שטיװל פֿון אַ יעגער. זי און איך װײסן דעם טעם פֿון װען עס רעגנט און די פֿיס װערן באָרװעס און נאַס און ס'װאַסער דרינגט אַרײַן אין די שיך, און טריט בײַ טריט הערט זיך דאָס קלײנינקע געררױש װי װאַסער פֿאַרגיסט זיך.

מײַן פֿרײַנדין האָט אַ בלײך און מענלעך פּנים, און רױכערט מיט אַן שװאַרצן מונדשטיק. װען כ'האָב זי געזען דאָס ערשטע מאָל, זיצנדיק בײַ אַ טיש, מיט שילדקרעט־ברילן איז דאָס פּנים אירס אַזױ מיסטעריעז און צאַרג־דיק געװען, מיטן שװאַרצן מונדשטיק צװישן די צײן, אַז איך האָב געמײנט עס איז אַ כינעזישער גענעראַל. צו יענער צײַט האָב איך נישט געװאוסט, אַז די שיך אירע זענען צעריסן. פֿיל שפּעטער האָב איך מיך דערװאוסט דערפֿון.

מיר קענען זיך בלויז זיבן אײניקע חדשים, אָבער עס זעט אױס װי פֿון יאָרן. מײַן פֿרײַנדין האָט נישט קײן קינדער, איך, פֿון מײַן זײַט, האָב יאָ קינדער און דאָס זעט איר אױס מאָדנע. זי האָט זײ קײנמאָל נישט געזען, אַחוץ אױף אַ פֿאָטאָגראַפֿיע, װײַל זײ האַלטן זיך אױף בײַ מײַן מאַמען אױף דער פּראָװינץ, און צװישן אונדז איז אָט דאָס סאַמע מאָדנעסטע װאָס זי האָט קײנמאָל נישט געזען נאָך מײַנע קינדער. אין אַ געװיסן זין האָט זי נישט קײן שום פּראָבלעמען, דערפֿאַר איז זי אימשטאַנד זיך נאָכצוגעבן אַלע תּאװות און װאָרפֿן דאָס לעבן פֿאַר די הינט, איך, אױף איר אָרט קען דאָס נישט. הכלל, מײַנע קינדער לעבן מיט דער מאַמען מײַנער, און עד־היום טראָגן זײ נישט קײן צעריסענע שיך. אָבער װאָס װעט זײַן װען זײ װעלן זײַן דער־װאַקסענע מענטשן? איך מײן: װאָס פֿאַר אַ שיך װעלן זײ טראָגן אַלס דער־װאַקסענע מענטשן? װאָס פֿאַר אַ דרך װעלן זײ זיך אױסדערװײלן? װעלן זײ בײַ זיך אָפּמאַכן אױסצושליסן פֿון זײער באַגער אַלדאָס אָנגענעמע אָבער נישט נױטיקע, אָדער װעלן זײ באַהױפּטן, אַז אַלץ איז נױטיק און אַז דער מענטש האָט אַ רעכט צו האָבן סאָלידע און גאַנצע שיך אױף זײַנע פֿיס?

לאַנגע שמועסן האַלט איך מיט מײַן פֿרײַנדין איבער אָט דעם ענין, און איבער װאָס פֿאַר אַ װעלט עס װעט דעמאָלט זײַן װען כ'װעל זײַן אַן אַלטע און באַרימטע שרײַבערין, און זי װעט אַרומװאַנדערן איבער דער װעלט מיט אַ רוקזאַק אױף די פּלײצעס װי אַן אַלטער כינעזישער גענעראַל. און די קינ־דער מײַנע װעלן זיך גײן זײער װעג מיט געזונטע און סאָלידע שיך אױף די פֿיס מיט אַ פֿעסטן טריט, נישט אָפּזאָגנדיק זיך פֿון גאָרנישט, אָדער מיט צעריסענע שיך און אַן אומזיכערן טריט און פֿאַרדאַגהט איבער אײן ג'אַט װײסט װאָס איז נישט נױטיק.

טײלמאָל קאַמביניר ן מיר אױס שידוכים צװישן מײַנע קינדער און די קינדער פֿון איר ברודער, פֿון יענעם װאָס שלעפּט זיך אַרום איבערן לאַנד אין יעגער־שטיװל. מיר שמועסן אַזױ העט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן, און טרינקען שװאַרצע טײ אָן צוקער. אין אײנציקע מאַטראַץ האָבן מיר און אײן בעט, און יעדן אָװנט פֿאַרגלײַכן מיר זיך װער עס זאָל שלאָפֿן אין בעט.



אין דער פֿרי, װען מיר שטײען אױף, װאַרטן אונדזערע צעריסענע שיך אױף אונדז אױפֿן טעפּיך.

טײלמאָל זאָגט מיר מײַן פֿרײַנדין, אַז עס נודיעט זי צו אַרבעטן, און װאָלט געװאָלט װאַרפֿן דאָס לעבן פֿאַר די הינט. זי װאָלט געװאָלט זיך פֿאַר־שליסן אין עפּעס אַ קנײפּע און פֿאַרשיכורן אַלץ, װאָס זי האָט אָפּגעשפּאָרט, אָדער זיך לײגן אין בעט אַרײַן און טראַכטן פֿון גאָרנישט מער, און זאָלן דער גאַז און דאָס ליכט זי נעמען, זאָל אַלץ ביסלעכװײַז גײן מיטן שטראָם. זי זאָגט זי װעט עס טון װען איך װעל אַװעק. מחמת דאָס לעבן אונדזערס צוזאַמען װעט נישט אָנהאַלטן לאַנג, באַלד װעל איך אַװעק און מיך אומ־קערן צו דער מאַמען מײַנער און מײַנע קינדער, אַהײם, װוּ מען װעט מיך נישט לאָזן אַרומגײן אין צעריסענע שיך. מײַן מאַמע װעט אױף מיר אַכטונג געבן, װעט מיך נישט לאָזן נוצן שפּילקעס אַנשטאָט קנעפּ, און שרײַבן ביז העט אין דער שפּעטער נאַכט אַרײַן. און איך, פֿון מײַן זײַט, װעל אַכטונג געבן אױף מײַנע קינדער, בײַקומענדיק דעם נסיון צו װאַרפֿן דאָס לעבן פֿאַר די הינט. איך װעל װידער װערן ערנסט און מוטערלעך װי עס איז אַלעמאָל דער פֿאַל װען כ'בין מיט זײ, אַ גאַנץ אַנדערע פּערזאָן װי איצט, אַ פּערזאָן, װאָס מײַן פֿרײַנדין קאָן לחלוטין נישט.

כ'װעל האַלטן אַן אױג אױפֿן זײגער און זײַן פּינקטלעך, װאַכזאַם און צוליגן אַן אױג צו אַלעם, און אַכטונג געבן, אַז מײַנע קינדער זאָלן תּמיד האָבן טרוקן און װאַרעם אונטער די פֿיס, װײַל כ'װײס, אַז אַזױ דאַרף עס זײַן, אױב נאָר מעגלעך, מינדעסטנס אין דער קינדהײט. אפֿשר אױך כּדי זיך אױסצולערנען שפּעטער אַרומצוגײן אין צעריסענע שיך, איז עס גוט צו האָבן טרוקן און װאַרעם אונטער די פֿיס בשעת מ'איז נאָך קינדער.

פֿון איטאַליענישן אָריגינאַל איבערגעזעצט,

**א. אלמוג**

א. פּושקין

## א בריוו צו סיביר

אין דער טיפֿעניש פֿון די סיבירער טאָלן,
האַלט זיך שטאַרק מיט אױסדױער לאַנגע יאָרן,
ס'װעט ניט פֿאַרלױרן אײַער לײַדן און טרערן,
און אײַערע פֿאַנטאַזיעס און טרױמען.

אַ האָפֿנונג, די שװעסטער פֿון לײַדן,
װעט אױפֿװעקן אײַער פֿינסטערן שאָטן,
און װעקן קװעקזילבערנע פֿרײד די מענטשן,
ס'װעט קומען דער טאָג און אײַך בענטשן.

ליבענדיגער ליכט און חברשאפט,
וועט איך דערגרייכן און דער טיפער נאכט,
צו דער קאטארושנע אומעטיגע ארבעט
אויך מיין פרייע הײַנט שטימע.

ווארפט אוועק די שווערע קייטן פון זיך,
ס׳וועלן פארפאלן ווערן שווארצע נעכט;
פרייהייט און שמחה וועט באגעגענען דיך,
דיינע ברידער וועלן שווערדן געבן דיר.

י. סלאוואצקי

## א ליד צו א מיידל

בעט מיך ניט, ליבע, פאר דיר א ליד,
ווען דו וועסט קומען אהיים צו מיר,
וועט יעדעסביימל און בלומל זינגען צו דיר.
יעדעס שטערנדל וועט א לידל ברומען,
ס׳בלימל וועט אויסבליען, ס׳שטערנדל פאלן,
א הער — זיי זענען די גרעסטע פאעטן.

שטערן בלאע, בלימלעך רויטע,
וועלן דיר אסך לידער און פאעמעס זינגען.
איך וואלט דיר געזינגען דאס זעלבע וואס זיי,
ווייל איך האב זיך געלערנט ביי זיי רעדן;
דארט ביים טייך שווימען זילבענע טרערן,
איך און דו קענען דארט קינדער ווערן.

היינט בין איך ווייט פארפארן,
און סע יאגט מיך ווייטער א ביטערער גורל.
א, ברענג מיר ליבע פון די שטערן ליכט,
א, ברענג מיר פון די בלימען ריח,
ווייל כ׳וויל יונגער ליבענדיג ווערן.
קום צו מיר ווי דו וואלסט פאלן פון שטערן.

יידיש: מ. דאמב



אסתר ערליכמאן

## מיין מאמע אין סיביר!

ווען וואלט מיין מאמע געווען אין סיביר אין נארמאלע צייטן. מיר דאכט זיך אז קיינמאל!

מיין מאמע האט געוווסט וועגן דעם ווייטן קאלטן לאנד, מיט די ווייסע בערן, מיט די וויסטענישן, די טייגעס, זי האט געוווסט אז אהין פארשיקט מען מענטשן וואס זיינען באגאנגען פארברעכנס. אדער אזעלכע וואס האבן געקעמפט קעגן ווילדן צאריזם. מיין מאמע אליין האט געזונגען די רעוואלוציאנערע לידער, וועגן קאמף אוןליידן. די לידער וואס עס האבן געזונגען די קעמפער אויפן וועג קיין סיביר געשמידעט אין קייטן, האפנדיק אז טראנען וועלן פאלן. מיין מאמע האט ניט געוווסט אז עס איז מעגליך אראפצווארפן א קייסער, זי האט געוווסט אז אויפן הימל איז פאראן א ג־אט, און אויף דער ערד איז פאראן א קייסער. מיין מאמע האט געווונטשן עס זאל זיין א גוטער קייסער, אבער ווי קען זיין א וועלט אן א קייסער. האט זי געזונגען די לידער, וואס האבן גערעט צו איר הארץ, און פארשטאנד, און טרערן פלעגן זיך גיסן פון אירע טייערע, גוטע, אויגן.

אבער סיביר איז געווען, און איז נאך היינט אויך זייער ווייט פון דעם ווייסרוסישן שטעטל, און איז געווען נאך ווייטער אין מיין מאמע׳ס פארשטעלונג!

און מיין מאמע האט דערלעבט די פעברואר רעוואלוציע. דער קייסער איז ניטא, און די זון האט אויפגעשיינט אויף א קורצער צייט, ביז עס איז געקומען דער נאוועמבער, און עס האבן ווידער גענומען קלינגען קייטן, ווידער פארשיקונגען . . און עס איז געקומען 1939, דער היטלעריזם, און די צווייטע וועלט מלחמה, און די ערשטע קרבנות זיינען געווארן די יידן. האט מען גענומען אנטלויפן פון זיכערן טויט, און עס איז ניט געבליבן קיין איין ווינקל, ווו עס זאל מעגליך זיין זיך צו ראטעווען, ווייל אין די לענדער ווו עס האט ניט געברענט, זיינען די טירן געווען פארשלאסן. האבן יידן גענומען לויפן, וואס ווייטער פון פייער, און נאך לאנגע לויפענישן פון די גרעסטע געפארן וואס מ׳האט געטראפן אויפן וועג, האט מען זיך דערשלעפט, אין געפאקטע, וואגאנען, נאך לאנגע וואכן הונגער, און היץ, ווייל עס איז געווען זומער, צערדריקטע, קראנקע, ווייט ווייט פון די היימען, אבער אויך ווייט פון די שלאכט פעלדער, און גאז קאמערן . . און מ׳איז אנגעקומען אין סיביר!

מיין מאמע איז געווען איינע פון די טויזנטער אנטלאפענע. און געלעבט מיט דעם שיינעם חלום, אז די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועט זי צוריקפארן אין דער רוהיקער ליבער היים, צו אירע זין, און טעכטער, צו אירע אייניקלעך, צו אירע גערטענער, איר הויז, און ווידער לעבן אין דער שיינער נאטור!

אבער קיין איין האפנונג איז ניט פארווירקליכט געווארן. זי האט געקראגן צו וויסן אז אירע דריי וואנדערליכע זין זיינען געפאלן אין שלאכט ביי סטאלינגראד און די טעכטער, און די אייניקלעך זיינען אומגעקומען צוזאמען

מיט די זעקס מיליאן. אס פאר א ווערט האט שוין געהאט איר לעבן? מער ניט געווען קיין האפנונגען. אט אזוי איז מיין מאמע גאר אין גיכן געשטארבן אין ייטן קאלטן סיביר, אין דער שטאט לעניך.

און די עטליכע שורות שרייב איך אין הייליקן אנדיינק נאך מיין טייערער מאמע.

סעם גאלדבערג

## געשעענישן, עפיזאדן און באנקעטן פון יידישן טעאטער - לעבן אין ניו - יארק

„זינג, ישראל, זינג".

מיט א פייערלעכן פעסטיוואל לכבוד אכ ציק יאר עקזיסטענץ פון יידישן אקטיארן-פאריין האט מען געיובלט זונטאג, דעם 20-סטן מאי, 1973, דעם יערלעכן יום-טוב אינם קארנעגי קאנצערט-זאאל. אין דער פארשטעלונג האבן זיך באטייליקט אלע אקטיארן-קינסטלער פון פאריין און אויך געסט פון בראדוועי, טעלעוויזיע, ראדיא, אפערע, האליוואוד ווי אויך פון מדינת-ישראל.

דאס באוואוסטע קינסטלער-פארל, בען באנאס און מינא בערן, האבן אנגעפירט מיט דער פארשטעלונג — „זינג, ישראל, זינג!" — באגלייט פונם ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון דער פיאניסטין, רעני סאלאמאן.

עס איז געווען א גראנדיעזער ספעקטאקל אין צוויי טיילן.

די אונטערנעמונג איז געווען לטובת דעם „סיק ענד וועלפעיר פאנד אין טעאטריקעל אלייענס".

מיט א גאר פיינעם אריינפיר האט הערמאן יאבלאקאוו, פרעזידענט פון אקטיארן-פאריין, דערעפנט דעם פעסטיוואל, דערקלערנדיק פארן עולם די וויכטיקייט און דעם צוועק פון דער פארשטעלונג. זיינע רייד זענען אויפ-גענומען געווארן מיט דער געהעריקער אוואציע. דערנאך האט זיך אנגעהויבן די עצם פארשטעלונג.

פינף און זיבעציק אקטיארן-קינסטלער, מיר מיר בתוכם, האבן ארויפ-מארשירט אויף דער בינע, וועדנדיק אויפגענומען מיט גאר גרויסע אפלא-דיסמענטן. הערמאן יאבלאקאוו האט טיקעדן איינעם באזונדער פארגעשטעלט פארן עולם. ס'האט געקאכט און געזשומעט פון די אפלאדיסמענטן.

פינף טויזנט מענטשן האבן אנגעפילט דעם זאאל, און הונדערטער האבן געמוזט אוועקגיין, ווייל ס'איז מער נישט געווען קיין ארט פאר זיי. אזא הערפאלג האט דאס יידישע טעאטער נאך קיינמאל פריער נישט געהאט.

דזשאן פיערס, דער גוט-באקאנטער אפערן-זינגער פון דער ניו-יארקער אפערע, האט זיך באטייליקט מיט אפערן-אריעס, זינגענדיק אויך ר' לוי יצחק מבארדיטשעווס „א דודעלע", וואס האט ספעציעל אויפגענומען ביים עולם, אזוי, אז מען האט אים פשוט נישט אראפגעלאזט פון דער בינע. אגב ביי אט דער פארשטעלונג האט מען אים באערט מיט דערקלערן אים פאר אן ערן-מיטגליד פון יידישן אקטיארן-פאריין.





פארן ארון-קודש (קאלאזשעס) יעטא מאנגער

זלמן שזר

### — יידישע אויגן —

יידישע אויגן, מיט דאנקשאפט פארצויגן,<br>
איך האב אייך דערקענט צווישן טויזנטער אויגן.<br>
זיי פינקלען אנטקעגן פון ביידע זייט וועגן,<br>
מאמישע, קינדערישע, מיידלשע אויגן,<br>
און עלטערע יידן מיט א בליק שוין א מידן,<br>
וואס געדענקן און בענקן און גאפן צופרידן.

און יונגוואָרג צעהיצטע, וואָס שלינגען דעם שיין —
אַלע, אַ, אַלע געבענטשט זאָלט איר זיין!

און אויך אויגן פאַרגרויטע,
שוין יאָרן פאַרגויטע,
פאַרפרעמדטע, פאַרשעמטע,
באַרויִשט און פאַרחידושט,

אויך איר קוקט מיר אויס דאָ
פאַריונגט און פאַריידושט.
און אפילו אינגאַנצן אָן גלויבן, אָן לשון —
צעצינדט זיך, צעצינדט זיך, און ווערט ניט פאַרלאָשן!

יידישע אויגן צו טרייסאַפט דערצויגן,
היט אָפּ אייער גלאַנץ און פאַרטיפט אייער פּראַכט,
פאַר אייך איז דער נס
פונעם כבוד פאַרטראַכט!

גליט אין אים העלער און וואַקסט אין אים דרייסטער,
געלויבט איז ישראל וואָס קאָן זיין אַזאַ טרייסטער.
דערפרייטע. געקרייטע. געדענקט: אחישנה.
נחמו, נחמו, און הלואי ותחזינה!

ביים שליסן דעם נומער איז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז דער געוועזענער ישראל פּרעזידענט, זלמן שזר, איז נפטר געוואָרן — חבל על דאבדין!

---

יידישער וועלט־קאָנגרעס (יידישער קאָמיטעט) און יידישער
זשורנאַליסטן און ליטעראַטן פאַריין

---

פ א ר ז א מ ל ו נ ג

**זונטיק, דעם 20־טן אָקטאָבער, 1974, פּונקט 3 אַ זייגער**

21, DEAN STREET, LONDON, W.1.

**„דאָס יאָר תשל״ד— 5734 — אים יידישן לעבן“**

מדינת ישראל ........ שמואל גאָלדשמידט
די יידישע תפוצות ........ י. זאָנטאָג
אונזערע ליטעראַטורן ........ י. ח. קלינגער
פראַגן און תשובות

פאָרזיצער: יוסף פרענקעל

---

איינטריט פריי — קומט אין צייט


# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

11־12 — 431־430 — 35'טער יאָרגאַנג — נאָוו.־דעצעמבער 1974 — לאָנדאָן


א י נ ה א ל ט:


חנוכה־ליכטלעך היי־יאָר ........ 3
די מכבי ליכטלעך — טעקסט אַ. נ. שטענצל, מוזיק מאיר באָגדאַנסקי 12
דער גרויסער ייִד פון מאָטעלע ........ ק. י. האָניג 14
די פאַרלעזונג לזכרון פון חיים ווייצמאַן הונדערט יאָר נאָך זיין געבורט.
........ דוד בערמאַן 15
זכרונות וועגן זלמן שזר ........ אייזיק גאָלדבערג 17
חיה ראָזענפאַרבס „דער בוים פון לעבן“ ........ יצחק יאַנאַסאָוויטש 20
ווי ברוגז וואַנדלען מיר (ליד) ........ שמעון וויזעק 25
מיין ערשטע „קאַפּאָטע“ אין ווייטשאַפּל ........ אַ. נ. שטענצל 26
צו משה עובד ........ מרדכי נאַרקיס 30
ווען שיר השירים איז געווען אין געפאַר ........ ל. ש. קרעדיטאָר 38
עס לויפן די יאָרן (ליד) ........ חיים אַלבאַם 44
רחל רעליס — דאָס זינגענדיקע פייגעלע ........ סעם גאָלדבערג 44
אַ שטעקעלע אַריין, אַ שטעקעלע אַרויס ........ ש. 45
נס חנוכה (ליד) ........ יוסף הלל לעווי 51
מוזיק מאיר באָגדאַנסקי ........ 52
לאָנדאָנער קולטור ידיעות